© All rights reserved to the Muzyka Publishing House and

The Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

This digitized manuscript is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

The Heritage Projects Foundation

שטודיע 3 | דער עקזיסטענץ פֿון דער

ייִדישער טראַדיציאָנעלער פֿאָלקס-קונסט.

1. אַרײַנפֿיר

2. אייניקע ספּעציפֿישע שטריכן
פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר.

3. דער עקזיסטענץ-וועג פֿון דעם
ייִדישן לידער-פֿאָלקלאָר

4. די מעלאָדיק פֿון דער עלטערער
ייִדישער פֿאָלקס-מוזיק.

רעוויזן

מ. בערעגאווסקי — 13 צו דער געשיכטע פון דער יידישער מוזיקאלישער פאלקס-קונסט

אריינפיר.

קורצ געפאסטע סינטעזירנדיקע ארבעטנ וועגנ וועלכער ס'איז וויסנ-שאפטלעכנ געביט, באזונדערס פונ די הומאניסטישע וויסנשאפטנ, שרייבט מענ געוויינלעכ אינ צוויי פאלנ: נאר אפ די ערשטע עטאפנ פונ דער דערלערנונג פונעם געהעריקנ געביט אונ שפעטער, ווענ עס קענענ שוינ סומירט ווערנ די רעזולטאטנ, וואס זיינענ דערגרייכט געווארנ אינ באזונדערע מאנאגראפישע שטודיעס. אינ דעם ערשטנ פאל האט פאר זיכ דער אווטאר פונ אזא אלגעמיינער ארבעט דעם ציל צו ציִענ די אויפמערקזאמקייט פונ דער געזעלשאפט אונ פונ די פארשער צו דעם געהעריקנ געביט. דעמלט קענ ער (אונ מוז) זיכ באנוגענענ בלויז מיט א גאנצ אלגעמיינער כאראקטעריסטיק. סינטעזירנדיקע ארבעטנ, וואס קומענ אפ א שפעטערדיקנ עטאפ מוזנ שוינ ברענגענ א פארטיפער-טע כאראקטעריסטיק, וואס באזירט זיכ אפ די אלע דערגרייכונגענ פונ דער פארשונג.

די ארבעט אפנ געביט פונ יידישער פאלקלאריסטיק האט שוינ א געשיכטע פונ העכער 50 יאר. פאר דער צייט איז אויפגעזאמלט גע-ווארנ א קאלאסאלער מאטעריאל. עפעס-וואס, אבער טאקע גאר ווייניק, אינ פארגלייכ מיטנ אויפגעזאמלטנ איז פארעפנטלעכט געווארנ, בעיקער פאלקס-לידער. קימאט אלע פארעפנטלעכטע זאמלביכער פארמאגנ גרע-סערע אדער קלענערע אריינפירנ. דאכ איז די יידישע פאלקלאריסטיק ביז איצט ווייט ניט אוועק פונ אירע ערשטע עטאפנ. ביז איצט האבנ מיר קימאט ניט קיינ איינ מאנאגראפישע ארבעט, וואס זאל באלויכטנ די ספעציפיק פונ דער יידישער טאנאלער פאלקס-קונסט, דעם אינהאלט אונ דעם מיטאויש פונ דער יידישער פאלקס-ליד, אירע סטיליסטישע אונ קונסט-מיטלענ. מיר האבנ ביז איצט קימאט נאכ קיינ איינ ארבעט, וואס זאל אלזייטיק באלויכטנ א וואסער ס'איז באזונדער זשאנר פונ דעם פאלקלארישנ לידער-רעפערטואר. וואס ווייסנ מיר, אשטייגער, וועגנ דער יידישער פאלקס-באלאדע, צי ווייסנ מיר דעם איצט גענויער יידישע ליבע-ליד, איינעמ פונ די רייכסטע זשאנרנ אינ דעם יידישנ פאלקלאר? י.ל.קאהאנ, דער פארשטארבענער אמעריקאנ

ייִדישער פֿאָלקלאָריסט, האָט דעם גרויסן פֿאַרדינסט, וואָס ער האָט אָפּגעפֿרעגט ש. גינזבורג און פּ. מאַרעקס האַנאַכע וועגן דעם, אַז די ייִדישע ליבע-ליד איז אַנטשטאַנען ערשט אין דער צווייטער העלפֿט פֿונעם 19-טן יאָרהונדערט. ער האָט דערוויזן, אַז נאָך פֿונעם 16-טן יאָרהונדערט אָן זײַנען אין דעם פֿאָלקלאָר-רעפּערטואַר געווען ליבע-און-טאַנץ-לידער. דאָס איז בעפֿייִקע א גרויסער אויפֿטו. אָבער קיין גענויע אויספֿאָרשונג פֿון דער פֿאָלקלאָרישער ליבע-ליד, פֿון איר כאַראַקטער, טעמאַטיק, קאָמפּאָזיציע, סטיל, אדגל. האָבן מיר נאָך ביז איצט ניט. אויך די איבעריקע זשאַנרען זײַנען געבליבן גאָר ווייניק באַאַרבעט. גאָר ווייניק אַכט איז געלייגט געוואָרן אַף די אויסדרוק-מיטלען פֿון דער ייִדישער טאָנאַלער פֿאָלקס-קונסט. פֿאָלקלאָר-ווערק זײַנען פֿריִער פֿון אַלץ קונסט-ווערק, ווײַל נאָר דעם אינהאַלט און די אידעאָלאָגישע אָנגעצייכנטקייט פֿון דער פֿאָלקס-קונסט און ניט ווײַסן די קינסטלערישע מיטלען אירע האָט מען נאָך זייער ווייניק ווײַסן. כוץ י. גאָלדבערגס אַרטיקל „באַמערקונגען וועגן פּאָעטישן שטייגער פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר" (אין מינסקער „צייטשריפֿט..., נ.1, זז 105-116) און נ. אויסלענדערס נאָטיץ „צו דער פֿראַגע וועגן „באַפּוצונג" פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקס-ליד" (אין דעם זעלבן „צייטשריפֿט" זז 256-257) קענען מיר קיין אַנדערע אַרבעטן ניט אָנרופֿן. גאָלדבערג מערקט אַליין אָן, אַז אַ סך פּראָבלעמעס ווערן גיכער אין זײַן אַרבעט געשטעלט און ווי ניט געלייזט. צי האָט עמעצער ווײַטער באַאַרבעט די דאָזיקע פֿראַגע? כוץ אַלגעמיינע באַמערקונגען צו דער פּאָעטיק פֿון דער פֿאָלקלאָר-ליד, אַרויסגעזאָגטע פֿאַרבײַגייענדיק, האָבן מיר לעסאַטע גאָרנישט. לאַבלוזן ניט אָנגערירט איז געבליבן אויך די פֿראַגע וועגן דער קאָמפּאָזיציע, סטראָפֿיק און ריטמיק פֿון דער פֿאָלקס-ליד.

וואָס-זשע זײַנען די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז דער ייִדישער פֿאָלקלאָר איז ביז איצט אַזוי ווייניק באַאַרבעט?

פֿריִער פֿאַר אַלץ איז דאָס פֿאַרט געווען דער אָנהייב-פּעריאָד, ווען דאָס וויכטיקסטע איז געווען דאָס אײַנזאַמלען דעם פֿאָלקלאָר-מאַטעריאַל גופֿא. אין דעם האָט דאָך בכלל ניט געקאָנט זײַן קיין רייד וועגן

שאַפֿטלעך-פֿאָרשערישער אַרבעט. מיר שעצן זייער הויך דעם פּיאָנערישן
אויפֿטו פֿון ש. גינזבורג און פּ. מאַרעק, וועלכע האָבן אויפֿגעזאַמלט
און אַרויסגעגעבן
אין 1901 יאָר די ערשטע גרעסערע זאַמלונג פֿון ייִדישע פֿאָלקס-
לידער. צי הייסט דאָס אָבער, אַז די 376 נומערן, וואָס די דאָזיקע
זאַמלונג אַנטהאַלט, שעפּן אין דער מינדסטער מאָס אויס דעם ייִדישן
פֿאָלקלאָריסטישן לידער-רעפּערטואַר? אין קיין פֿאַל ניט. די דאָזיקע
זאַמלונג האָט ביז גאָר פֿאַרשטאַרקט דעם אינטערעס צו דער ייִדישער
פֿאָלקס-שאַפֿונג און אַ סך קולטור-טוער האָבן זיך מיט ליב און
לעבן אָפּגעגעבן דער זאַמל-אַרבעט. אין דער ערשטער ריי דאַרף דאָ
אָפּגעמערקט ווערן דער אינטערעס בײַ די ייִדישע שרײַבער (י.ל. פּרץ,
שלום-עליכם אאַ), וואָס האָבן זיך אַליין אויך גענומען צו אָרגאַני-
זירן די זאַמל-אַרבעט. דאָס איז אָבער אַן עפּיזאָדישע אַרבעט, וואָס
האָט געגעבן ניט קיין סך פּראַקטישע רעזולטאַטן. צו יענער צײַט טרעטן
~~טרעטן~~ צו צו דער אַרבעט אויך אַ גרופּע טוער, וואָס האָבן שפּעטער
פֿאַרנומען גאָר אַן אָנגעזעענע אָרט אין דער ייִדישער פֿאָלקלאָריסטיק.
איך האָב דאָ אין זינען י.ל. קאַהאַנען און שמואל לעמאַנען. קאַהאַנס
זאַמל-טעטיקייט איז געווען זייער פֿרוכטבאַר, און די זאַמלונגען,
וועלכע ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט, האָבן גאָר אַ גרויסן ווערט. ער האָט
דער ערשטער געגעבן (כאָטש ניט אַליין פֿאַרשריבן) צו דער גרעסטער
טייל לידער פֿון זײַנע זאַמלונגען די מעלאָדיעס. אָבער בעמעס פֿענאָ-
מענאַל האָט זיך אַרויסגעוויזן די זאַמל-אַרבעט פֿון ש. לעמאַנען. ער האָט
אָנגעהויבן זאַמלען אין 1902 יאָר, און אין 1910 יאָר האָט ער
דורכגעפֿירט אַ זאַמל-רייזע איבער 50 שטעטלעך. קיין אינסטיטוציע
האָט ניט סטימולירט און ניט געשטיצט לעמאַנען אין זײַן אַרבעט.
אָפּגעבנדיק דער זאַמל-אַרבעט בלויז זײַן פֿרײַע צײַט, האָט ער פֿאַר די
קימאַט 40 יאָר (ביז דער צווייטער וועלט-מילכאָמע) אָנגעזאַמלט אַזאַ
ריזיקן מאַטעריאַל, וואָס זײַן גלײַכן האָבן מיר ביז איצט זעלטן גע-
זען בײַ אַ פּריוואַטן זאַמלער. קיין גענויע באַריכטן וועגן דעם, וואָס
לעמאַן האָט אויפֿגעזאַמלט, זײַנען אין דער פּרעסע ניט געווען. ער אַליין

איז דאָס ניט אימשטאַנד געווענ צו טאָנ. צופיל צײַט וואָלט דאָס גע-
דאַרפט בא אים פאַרנעמענ. מיר וועלנ ברענגענ בלויז אײניקע יע-
דיִעס, וואָס באַגעגענענ זיכ אינ דער ליטעראַטור (דאָ גײט די רײד
וועגנ דעמ מאַטעריאַל, וואָס לעמאַנ האָט ניט פּובליקירט). אַזוי אינ
1923 יאָר טײלט מיט מ. וואַנווילד, דער רעדאַקטער פונעמ זאַמלבוכ
„בא אונדז ייִדנ", וו עס זײַנענ פּובליקירט אויכ לעמאַנס פאָלק-
לאָר-זאַמלונגענ, אַז צו יענער צײַט (צו 1923) האָט לעמאַנ פאַרשר-
ריבנ ניט ווײניקער פונ פינפ טויזנט נומערנ ליבע-לידער,
זונער פינפהונדערט מעלאָדיעס, צוואַנציק טויזנט שפּריכווערטער
(מיר דערמאַנענ — בערנשטײנס זאַמלונג אנטהאַלט 3993 נומערנ),
טויזנטער אנעקדאָטנ, מעסעס, פּורימ-שפּילנ אד גל. לויט וואַנווילדס
מיטײלונג שטעלט מיט זיכ פאָר דאָס אופגעזאַמלטע פונ לעמאַנ גו-
פע מאַטעריאַל פאַר א פאָלקלאָר-ביבליאָטעק פונ א הונדערט בענ-
דער. („בא אונדז ייִדנ", ז. II). דאָס איז צום יאָר 1923. ביז
דעמ יאָר 1939, פאַר דעמ אײנפאַל פונ די דײַטשנ אפ פּוילנ (לע-
מאַנ איז געבוירנ אינ וואַרשע, אינ 1886 יאָר, אונ זײַנ גאַנצ לעבנ
דאָרט געוווינט אונ געאַרבעט) איז זײַנ זאַמלונג אפ אסאַכ-אסאַכ
פאַרגרעסערט געוואָרנ).

כוצ די דאָזיקע צוויי אנגעוויזענע פאָלקלאָר-זאַמלער קאָנ מענ
אָנרופנ נאָכ א גאַנצע רײ טוער, וואָס האָבנ א פײַנעמ צושטײער מיט-
געבראַכט דער ייִדישער פאָלקלאָר-אַרבעט (נ. פּרילוצקי, ז. קיסעל-
האָפ, יו. ענגעל, מ. קיפּניס אא).

דאָס איז אָבער געווענ אונ אינ גרעסטנ טײל אויכ געבליבנ א
זאַמל-אַרבעט פונ יעכידימ, אונ דער מאַטעריאַל זײערער איז גע-
בליבנ אינ פּריוואַטנ באַזיצ פונ די זאַמלער גופע. אינ די באַדינ-
גונגענ פונעמ צאַרישנ רוסלאַנד איז ניט געווענ קײנ מעגלעכקײט
צו קאָנצענטרירנ די אַרבעט פונ אָט די באַזונדערע טוער אונ צו-
ציענ די געהעריקע וויסנשאַפטלער אפ צו באַאַרבעטנ די מאַטעריאַלנ.
אינ 1908 ווערט אָרגאַניזירט אינ פעטערבורג די „געזעלשאַפט

פאר יידישער פאלקס-מוזיק". אין דער טעטיקייט פון דער דאזיקער
געזעלשאפט האט דער יידישער מוזיק-פאלקלאר פארנומען א באדייטנ-
דיק ארט. דער יידישער קאמפאזיטאר האט געשטרעבט צו באהערשן
דעם סטיל פון דער יידישער פאלקס-מוזיק. האט זיך דא געהויבן
א גרויסע זאמל-ארבעט פון דעם יידישן מוזיקאלישן פאלקלאר-רע-
פערטואר. עס זיינען געמאכט געווארן אויך איניקע פרוון צו בא-
זייניקן, פאנאנדערצוקלייבן זיך אין די פראגעס פון דעם וועזן
פון דער יידישער פאלקס-מוזיק (זו קיסעלהאפ, ע. סאמינסקי אא).
צו קורץ איז אבער געווען די צייט, ווען די געזעלשאפט האט איר
טעטיקייט געפירט, און קיין וועזנטלעכע וויסנשאפטלעכע ארבעטן
זיינען נישט געמאכט געווארן.

א היפשע ארבעט אפן געביט פון זאמלען יידישע פאלק-
לארישע און עטנאגראפישע מאטעריאלן האט אפגעטאן די יידישער
היסטאריש-עטנאגראפישער מוזיי אין פעטערבורג. אבער אויך דא
האבן אסאך שטערונגען נישט געלאזט ברענגען צו א טיקן סוף די
אופגעזאמלטע מאטעריאלן און סוף די וויסנשאפטלעכע באארבעטונג
זייערע.

די אפוועזנהייט פון געהעריקע אינסטיטוציעס, וואס זאלן קענען
נעמען אף זיך די ארגאניזאציע פון דער זאמל-ארבעט, די סיסטע-
מאטיזאציע פון די מאטעריאלן און אפילע בלויז די רעגיסטרא-
ציע און דאס אפהיטן דאס געזאמלטע - דאס איז געווען איינע פון
די וויכטיקסטע שטערונגען אין דער ארבעט. דער זאמלער גופא
האט געקאנט ארויסווייזן פלייס אין זיין ארבעט און מיט די גרעסטע
אנשטרענגונגען עפעס-וואס פובליקירן פון זיינע מאטעריאלן.
שווער, זייער שווער איז אנגעקומען דאס דרוקן אף אייגענעם כעשבן
פאלקלארישע זאמלונגען. פינף-זעקס און אמאל ביז צען יאר
פלעגן אפליגן א בוך אין זאץ ביז ער האט געקאנט דערזען די
ליכטיקע שיין. איז דען א וואונדער, וואס מ. וואנשילד, דער רע-
דאקטער פון דער פריער דערמאנטער זאמלונג „בא אונדז יידן"
שרייבט אין דעם אריינפיר צום בוך: „א וויסנשאפטלעכע ערנסטע

ארבעט, וועלכע זאָל ברענגען כאָטש פיל-ווייניק קלאָרקייט אין דער עטימאָלאָגיע, באַדייטונגען, מעטאָדן, אויפגאַבן און פּראָבלעמען פון אונדזער פאָלקלאָר, מעג נאָך, נישקאָשע, אביסל וואַרטן. נישט קיין בייז. דער יקער שעבעיקער איז דאָך דאָ דאָס רויע מאַטעריאַל. דאָס זאַמלען, פאַרשרייבן, פאַרעפנטלעכן. דאָ קאָן קיין געזונט ניט זיין. ווייל מע זאָל ניט צונויפקלייבן איצט ווייניק, און וואָס מע כאַפּט אַריין, האָט א ווערט" (דאָרטן, ז. II).

אין 1938 גיט ארויס די קאָמיסיע פאַר פאָלקלאָר בא דער פילאָ-לאָגישער סעקציע פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ווילנע) א בוך „יידישער פאָלקלאָר". אין דער אַרייַנפיר ווערט דער-ציילט וועגן די שווערקייטן, אין וועלכע עס האָט זיך אָנגעשטויסן די פאָלקלאָר-קאָמיסיע אין איר אַרבעט. צוועלף יאָר (אָנהייבנדיק פונעם יאָר 1926) האָט מען געגרייט א פאָלקלאָר-בוך. צוערשט האָט די רעדאַקציע געהאַט בדיעה צו געבן אין דעם בוך באַנאַנד מיט זאַמלונגען פון מאַטעריאַלן אויך אויספאָרשונגען און שטודיעס.

אין דער פּראַקטיק אָבער האָט זיך באַקומען, אַז מאַטעריאַלן האָבן די קאָרעספּאָנדענטן פון אַזוי געשיקט אין אינסטיטוט נאָר אין א גרויסער צאָל, בעשאַס ווען שטודיעס האָבן זיך קיינע ניט באַוויזן. און דער בוך באַשטייט טאַקע בלויז פון פאַרשיידענע פאָלקלאָר-זאַמלונגען (לידער, מייסעס. און מעסזירעס, וויצן און ווייציקע מייסעלעך, פּורים-שפּילן, סימאָנים און סגולעס). די וויסנשאַפטלעכע באַאַרבעטונג באַשטייט דאָ בלויז אין דער קלאַסיפי-קאַציע און אין באַמערקונגען, וו עס ווערן אָנגעוויזן וואַריאַנטן און פּאַראַלעלן צו די געבראַכטע נומערן, צו באַזונדערע סטראָפעס שורעס אד גל.

מיט די געבראַכטע פאַקטן האָב איך אין זינען בלויז צו שילדערן טעכניש-אָרגאַניזאַציאָנעלע זייט, די באַזע פון דער יידישער פאָלק-לאָריסטיק, ווי זי איז פאַקטיש געווען אין דעם געוועזענעם צאַר-רישן רוסלאַנד און שפּעטער אין פּוילן. די פאָלקלאָר-קאָמיסיע פון

ייִוואָ (געגרינדעט זומער 1925 יאָר) האָט באַוויזן אײַן אַ גרויסער מאָס צו קאָנסאָלידירן די אַרבעט פֿון אַזאַ זאַמלער-ליבהאָבער, וועלכע האָבן מער ווייניק-סיסטעמאַטיש געשיקט אַהין זייערע זאַמלונגען. ביז דעם יאָר 1941 האָט די דאָזיקע קאָמיסיע אויפֿגעזאַמלט גאָר אַ גרויסן מאַטעריאַל. קיין גענויעם באַריכט וועגן דעם אויפֿגעזאַמלטן האָבן מיר ניט באַגעגנט. לויט די אינווענטאַר-נומערן וואָס זײַנען אָנגעגעבן בײַ יעדן פֿאָלקלאָר-שטיק פֿון דער פֿריער דערמאָנטער זאַמלונג „ייִדישער פֿאָלקלאָר", קאָנען מיר זען, אַז די קאָמיסיע האָט צום יאָר 1938 פֿאַרמאָגט ביז אַ הונדערט דרײַסיק טויזנט נומערן פֿון אַלערליי פֿאָלקלאָר-זשאַנרען. עס זײַנען אָבער נאָך ניט געווען די געהעריקע באַדינגונגען, אַז אין ייִוואָ זאָל אויסוואַקסן אַ גרופּע פֿאָרשער-פֿאָלקלאָריסטן. דאָס, וואָס איז יאָ געטאָן געוואָרן, פֿאַרדינט בעפֿײַרעש אַ יאַשער-קויעך. גענוג איבערגעגעבנקייט, טעמפּעראַמענט און מי איז אָפּגעגעבן געוואָרן דער אָרגאַניזיר-אַרבעט.

ווי-זשע איז געגאַנגען די ייִדישע פֿאָלקלאָר-אַרבעט בײַ אונדז אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד?

אָנהייבנדיק פֿון סוף 20-ער יאָרן האָבן זיך בײַ אונדז אויסגעבילדעט צוויי ייִדישע פֿאָלקלאָר-אינסטיטוציעס. איינע בײַ דעם ייִדישן סעקטאָר פֿון דער ווײַסרוסישער אַקאַדעמיע (מינסק) און איינע בײַ דעם אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור פֿון דער וויסנשאַפֿט-אַקאַדעמיע פֿון אוקראַינע (קיעוו). ביידע נײַ-אָרגאַניזירטע אינסטיטוציעס האָבן געמוזט אָנהייבן די אַרבעט פֿון סאַמע אָנהייב, זיי האָבן געדאַרפֿט אָפֿסנײַ אָנהייבן אָרגאַניזירן צוערשט די זאַמל-אַרבעט — קיין ירושה (כּוץ די געדרוקטע זאַמלונגען) האָבן ביידע אינסטיטוציעס ניט פֿאַרמאָגט). כּוץ דעם, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סײַ אין ווײַסרוסלאַנד און סײַ אין אוקראַינע איז ביז דעמאָלט בכלל זייער ווייניק געזאַמלט געוואָרן. די סאָוועטישע ייִדישע פֿאָלקלאָריסטן האָבן אָבער געאַרבעט אין אַזאַ בעסערע באַדינגונגען, ווי די ייִדישן

פאָלקלאָריסטן אין אלע אנדערע לענדער. פון אָנהייב אָן האָבן זיי געקאָנט פירן זייער ארבעט ניט אלס ליבהאבער, נאָר אין די ראמען פון געהעריקע וויסנשאפט-אקאדעמיעס. זיי האָבן געהאט די נייטיקע מיטלען אף דורכצופירן ספעציעלע עקספעדיציעס, אף צו פארשאפן די געהעריקע קלאנגען-רעגיסטרירנדיקע אפאראטור אאזו. און דאָ האָבן מיר זיך אנגעשטויסן אין דער שווערסטער שטרויכלונג, אין דער פראגע פון אויסגעפינען און צוגרייטן די געהעריקע קאדרען וואס זאָלן די דאָזיקע ארבעט קאָנען אָרגאניזירן און דורכפירן.

די מינסקער פאָלקלאָר-קאָמיסיע האט קיין גרויסע טעטיקייט ניט באוויזן צו אנטוויקלען. עפעס-וואָס פון פאָלקלאָר-מאטעריאלן איז בעשאטי פובליקירט געוואָרן אין די מינסקער „צייטשריפט", אבער ניט דאפקע פון די מאטעריאלן פון דער יידישער פאָלקלאָר-קאָמיסיע פון דער ווייסרוסישער וויסנשאפט-אקאדעמיע. כוץ דעם פריער-דערמאנטן ארטיקל פון י. גאָלדבערג איז אין „צייטשריפט" נומ. 3 - 2 אָפגעדרוקט זיין ארבעט וועגן געמיש-שפראכיקע און פרעמד-שפראכיקע יידישע פאָלקס-לידער און אין נומ. 5 דאָברושינס ארבעט „סאָציאלע עוואלוציע פון דער יידישער וויג-ליד".

אין קיעוו האָט זיך מער איינגעבן צו אָרגאניזירן די יידישע פאָלקלאָר-ארבעט, און זי ווערט אויך ביז איצט פאָרגעזעצט. כוץ דער זאמל-ארבעט האָט די קיעווער פאָלקלאָר-אינסטיטוציע געמאכט אויך פפפפפ פרווון ~~אין באארבעטן~~ צו באארבעטן איינציקע פראָבלעמעס פון דער יידישער פאָלקלאָריסטיק. אויב עס האָט זיך אונדז עפעס-וואָס איינגעגעבן אויסצוקלארן וועגן דער סאָציאלער פונקציע פון דער פאָלקס-קונסט אינגאנצן גענומען און פון באזונדערע זשאנרען איר איז אָבער ~~[illegible]~~ ביז איצט אויך בא אונדז געבליבן אינגאנצן ניט באארבעט די פראגע וועגן די אויסדרוק-מיטלען פון דער פאָלקס-~~קונסט~~. מע דארף אָפן זאָגן, אז מיר ווייסן נאָך זייער ווייניק די קינ-סטלערישע נאטור פון דער פאָלקס-ליד. אָפקומען מיט א פאָר באמערקונ-גען וועגן באזונדערע פאָעטישע טראָפן, וואָס באגעגנען זיך אין דער

פֿאָלקס-ליד, ווי מיר האָבן דאָס געטאָן ביז איצט, הייסט זיך אײַן יענעם נאָרן. עס איז ניט פֿאַראַן די מינדסטע זיכערקייט, אַז די באַזונדערע טראָפּן, וואָס ווערן דערמאָנט אין אַזעלכע באַמערקונגען, זײַנען טאַקע טיפּיש פֿאַר אַלע זשאַנרען פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר. לויט מײַנע אײַנדרוקן — לידער האָב איך ביז איצט די דאָזיקע פֿראַגע ניט שטודירט און מער ווי אַף אײַנדרוקן קאָן איך זיך דאָ ניט פֿאַ-רופֿן — זײַנען אין פֿאַרשיידענע זשאַנרען פֿון דער פֿאָלקס-ליד אָנ-געווענדט פֿאַרשיידענע פּאָעטישע טראָפּן. דאָס, וואָס קאָן זײַן טיפּיש פֿאַר דער ליבע-ליד, קאָן גאָר ניט טיפּיש זײַן פֿאַר דער רעליגיעזער אַ. פֿאָלקס-ליד. שוין אָפּגערעדט פֿון די קינדער-לידער, שפּיל-ציל-און רייץ-לידער, וואָס דאָס איז גאָר אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע אין יענעם פֿאָלקלאָר. קימאַט אַלע, וואָס האָבן עפּעס וואָס געזאָגט וועגן דער פּאָעטיק פֿון דער פֿאָלקס-ליד, האָבן אויפֿן ערשטן אָרט געשטעלט דעם אַזוי גערופֿענעם פּסיכאָלאָגישן פּאַראַלעליזם, וואָס ווערט אָנגעווענדעט אין דער פֿאָלקס-ליד אַלס אויסדרוק-מיטל. ערשטנס איז נאָך ניט אויסגעקלאָרט, ווי אָפֿט ווערט דאָס דאָזיקע מיטל אָנגעווענדעט אין יענעם ייִדישן פֿאָלקלאָר, עס איז אינגאַנצן ניט קלאָר, פֿונוואַנען קומט דער פּאַראַלעליזם אין יענעם ייִדישן פֿאָלקלאָר און צולעצט — פֿאַר וואָסערע זשאַנרען איז ער טיפּיש. נעמען מיר, אַשטייגער, די אָפּטיילונג רעליגיעזע לידער אין גינזבורג-מאַרעקס זאַמלונג, וועלן מיר דאָרט קיין איין מאָל ניט באַגעגענען דעם פּאַראַלעליזם. צי איז דאָס אַ טראָפּ פֿון דער ליבע-ליד?

ס'איז צײַט צוצוטרעטן צו אַ גענויעם און אַלזײַטיקן שטודיום פֿון דער פֿאָלקס-ליד. און דאָ שטויסן מיר זיך ווידער אָן אין גרויסע שוועריקייטן. ווער דאַרף זיך פֿאַרנעמען מיט אַזאַ פֿאָרשונג-פֿראַגע? ניט נאָר דאָס הײַפֿעלע פֿאָלקלאָריסטן, וואָס מיר פֿאַרמאָגן איצט. אין אַזאַ אַרבעט דאַרפֿן זיך אײַנשליסן אויך די שפּראַך-און ליטעראַטור-פֿאָרשער. איך וואָלט געקאָנט ברענגען ניט איין בײַשפּיל פֿון דער וויסנשאַפֿט פֿון אַלע אייראָפּעיִשע פֿעלקער, ווען דער שפּראַך-

און ליטעראטור-פארשער האבן זיך זייער אקטיוו פארנומען מיט פאלקלאר. נעמען פון גרויסע געלערנטע װעלן מיר דא באגעגענען: די ברידער גרים, א. וועסעלאָווסקי, פּאָטעבניא און נאך און נאך.

פארוואס-זשע האבן זיך די יידישע שפראך-און-ליטעראטור-פארשער לאכלומן באזייטיקט פון אזא ארבעט? איז דען די צאל יידישע פאלקלאריסטן אזוי גרויס, אז פאר אנדערע בלייבט קיין טעמע ניט אפ צו באארבעטן? איז דען דער מאטעריאל אזוי ארעם, אז ער קאן ניט פאראינטערעסירן דעם פארשער? – זיכער ניט. די שפראך פון דער פאלקס-קונסט, אירע עסטעטישע אויסדרוק-מיטלען קאנען געבן ביז גאר אינטערעסאנטן מאטעריאל אפ צו שטעלן און באארבעטן פארשיידענע שפראך-און ליטעראטור-פראבלעמען.

אין דער יידישער פאלקלאריסטיק קאן מען דעם פעריאד ביז 1941 באטראכטן אין גרויסן, ווי אן ערשטלעכן פעריאד פון זאמל-ארבעט. מיט ווייטיק מוזן מיר קאנסטאטירן, אז אסאך ריזיקע זאמלונגען פון באזונדערע זאמלער און אינסטיטוציעס, (לעמאנס זאמלונגען, די מאטעריאלן פון פאלקלאר-קאמיסיע פון ייוואָ, פון דער עטנאגראפישער געזעלשאפט אין ווילנע אא) זיינען פארפאלן געגאנגען. די האנט פון די דייטשיש פאשיסטישע בארבארן לאזט זיך אויך דא פילן. איז ניטיק צונויפנעמען אלץ, וואס האט זיך דאך איינגעהיט (געדרוקטע זאמלונגען, אונדזער ארכיוו אא. קוועלן), און דאס מוז איצט ווערן די באזע פאר דער פארשונג-ארבעט. קיין אנדער ברײרע האבן מיר איצט ניט. די גרעסטע טייל פון דעם, וואס איז פארפאלן געגאנגען, וועט שוין מיסטאמע ניט מעגלעך זיין אויפצושטעלן. איך מיין דערמיט ניט צו זאגן, אז מיט דער זאמל-ארבעט האבן מיר שוין פארענדיקט. די פאלקלאריסטיק ווייסט נאך לאנגע ניט פון אזא צושטאנד, ווען מע זאל קאנען זאגן, אז אלץ, וואס מעגלעך איז, איז שוין אויפגעזאמלט. איצט איז א קריטישער פעריאד אין דער יידישער פאלקלאריסטיק. שטעט און געגנטן זיינען כרוב געווארן, מיליאנען

ייִדישע באפעלקערונג זיינען פארניכטעט געווארן, אלטע ייִדישע שטעט
זיינען אפגעווישט געווארן. הייסט עס – מיר מוזן זיך איצטער איבער־
אָריענטירן אין אונדזער ארבעט סיי באם אויסקלייבן די פּונקטן אף
צו זאמלען נייע מאטעריאלן און סיי באם אפשאצן דאס אויפגעזאמלטע.
ווייניק האט זיך ביז איצט איינגעגעבן צו פּובליקירן פון דעם אָנ־
געזאמלטן. ווען אָבער דאס אלץ וועט צונויפגענומען ווערן אין איינעם
און דערצו וועט צוגעגעבן ווערן דאס, וואס האט זיך איינגעהיט אין די
ארכיוון, דער מאטעריאל וועט קלאסיפיצירט און גרופּירט ווערן – וועט
יעדער מין און זשאנר פון דעם לידער־פאלקלאר דאך געבן אין דער
סומע א גאנץ רייכן מאטעריאל, און עס וועט מעגלעך זיין דורכצופירן
א גענוגנד פארטיפטע אויספארשונג.

איצט איז שוין די רעכטע צייט צוצוטרעטן צו אן אקאדעמישער אוי־
סגאבע פון דעם ייִדישן לידער־פאלקלאר. ווארטן אף נייע פּובליקא־
ציעס איז ניט שייך. – קיין נייע זאמלונגען (כוץ אונדזערע) וועלן
אין די נאָענטסטע יארן מסתמא ניט צוקומען. אזא ארבעט – דאס
צונויפפירן אלע פארעפנטלעכטע ביז איצט מאטעריאלן מיט די מאטעריא־
לן פון אונדזער ארכיוו וועט אין א גרויסער מאס געבן די ריכט־ליניע
פון דער ווייטערדיקער ארבעט. ערשט דעמאלט וועט אונדז קלאר ווערן,
וואס מיר פארמאגן פון אלע זשאנרען פון דעם ייִדישן לידער־פאלקלאר.
עס וועט אויך קלאר ווערן וואס איז נייטיק צוצוזאמלען, וואס
פעלט און אף וואס צו ווענדן די אויפמערקזאמקייט אין דער ווייטערדיקער
זאמל־ארבעט.

- - - - - - - - -

געבן איצט א קורץ־געפאסטע סיסטעמאטיזירנדיקע ארבעט וועגן דעם ייִ־
דישן מוזיק־פאלקלאר האלט איך פאר פריצייטיק. האב איך דעריבער
באשלאסן זיך אפשטעלן דא בלויז אף איניקע פּראָבלעמעס און פראַ־
געס פון דער ייִדישער פאלקלאריסטיק. איך באטראכט עס בלויז ווי
מאטעריאלן צו א קומענדיקער גרעסערער ארבעט.
דא האב איך זיך אפגעשטעלט אף אזעלכע פראגעס: 1. איני־
קע ספּעציפישע שטריכן פון דעם ייִדישן פאלקלאר, 2. דער געשיכטלעכער

וועג פון דעם יידישן לידער-פאָלקלאָר און 3. די מעלאָדיק פון דעם עלטערן פאָלקלאָרישן לידער-רעפערטואַר. דערמיט האָב איך זיך געמוזט באַגרענעצן. איינציקע פּראָבלעמעס פונעם יידישן מוזיק-פאָלקלאָר וואָס מיר איז אויסגעקומען צו באַאַרבעטן אין מיינע פריערדיקע אַרבעטן (פורים-שפּילן, קלעזמערשע מוזיק, ניגונים אָן ווערטער), האָב איך ניט געפונען פאַר מעגלעך דאָ ווידער צו שטעלן. דאָרט, וווּ עס איז מיר אויסגעקומען אָנרירן די דאָזיקע זשאַנרען, האָב איך עס געטאָן בלויז צוליב אילוסטרירן אַ וואָסער ס'איז טעזיס.

- - - - - - - -

מיט באַפרידיקונג קאָנען מיר קאָנסטאַטירן, אַז די נייע אַרבעטן אויפן געביט פון יידישער ליטעראַטור, וואָס האָבן זיך באַוויזן פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר, האָבן אונדז זייער אַסאַך נייס געבראַכט אויף צו דערלערנען דעם יידישן פאָלקלאָר פון די עלטערע תקופֿות. ביז סאָף 18-טן יאָה. דערצייט, ווען עס ווערט פאַרלייגט דער פונדאַמענט פון דער נייער ליטעראַטור אויף יידיש, איז דער אונטערשייד צווישן אייגנטלעכן לידער-פאָלקלאָר און דער ליטעראַרישער פּאָעזיע, גאָר-גאָר אַ קליינער. אַלע לידער, וואָס זיינען פאַרפאַסט ביז יענער צייט, ווערן פון די אויטאָרן באַוואָרנט מיט מעלאָדיעס און זיי פלעגן געזונגען ווערן, אַ שטריך, וואָס איז אַסאַך מער טיפּיש פאַר דעם פאָלקלאָר איידער פאַר דער ליטעראַטור. דער פאַרפאַסער שטרעבט דערצו, אַז זיינע לידער זאָלן אַריינדרינגען אין פאָלק און ווערן פאָלקס-לידער. עס איז אָבער אויך פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם פאָלקלאָר און דער ליטעראַטור, ד.ה. פון דעם, וואָס האָט דעמאָלט געקאָנט קומען צו דער עפנטלעכקייט. די פאָלקס-קונסט, וואָס האָט זיך איינגעהיט אין די מאַסע טיפענישן פון פאָלק און האָט ניט געקאָנט קומען צו דער עפנטלעכקייט, האָט אַסאַך אַלזייטיקער אויסגעדריקט די ווירקלעכע איבערלעבונגען און אידעאַלן פון די פאָלקס-מאַסן, איידער דאָס האָט געקאָנט טאָן די ליטעראַטור. דרוקן אינעם 17-טן אָדער 18-טן יאָרה. ליבע-לידער וואָלט קיינער ניט געוואַגט. די באַבאַתים און זינגער אויף סימכעס האָבן דאָס ניט געקאָנט טאָן אַפילע אינעם

19-טן יארה. דאס זעלבע איז שייך אויך צו שטייגער-לידער און אנדערע זשאנרען. דאס הייסט אבער ניט, אז דער ליבע-מאטיוו איז פרעמד געווען דעם פאלקס-מענטש. אסאך הונדערטער פאלקס-לידער זיינען געווידמעט דער דאזיקער טעמע. זיי פלעגן געשאפן און גע-זונגען ווערן טראץ דעם, וואס דאס האט ניט געשטימט מיט דעם אל-געמיינעם טאן פון דער דעמאלטיקער ליטעראטור.

א פארטיפערטער שטודיום פון דעם פאלקלאר און פון דער ליטע-ראטור וועט אונדז געבן די מעגלעכקייט אלזייטיקער צו באנעמען די פארגאנגענהייט, ווי זי איז פארקערפערט געווארן אין די קונסט-ווערק. ביז דער צווייטער העלפט 18-טן יארה. גיט דער שטודיום פון דער ליטעראטור, אפגעריסן פונעם דעם פאלקלאר, אן איינזייטיק און דערמיט אויך ניט קיין ריכטיקע פארשטעלונג פון די באשטרעבונגען פון יענער צייט. אויך פאר דעם 19-טן און 20-טן יארה. פארלירט נישט דער פאלקלאר זיין ווערט. אויך אין דער צייט בא-רייכערט דער פאלקלאר-רעפערטואר דאס בילד פון דעם געזעלשאפטלעכן און פערזענלעכן לעבן פון די ברייטע יידישע פאלקס-מאסן.

1. אײניקע ספּעציפישע שטריכנ פונעם ײדישנ פאָלקלאָר

שוינ צום 14־טנ־16־טנ יאָרהונדערט האָבנ זיך אָנגעמערקט די גרונט־קאָנטורנ פונ דער ײדישער טאַנאַלער (אינ װאָרט אונ אינ קלאַנג) פאָלקס־קונסט, װאָס איז דערגאַנגענ ביז צו אונדזער צײַטנ.

אַפ דער נײַער שפּראַך, אַפ ײדיש, װאָס האָט זיך אױסגעבילדעט בײַ די דײַטשישע אונ שפּעטער פונ דײַטשלאַנד אױסגעװאַנדערטע קײנ מיזרעך־אײראָפּע ײדנ, אונ בײַ דעם סאָציאַלנ באַשטאַנד פונ די ײדנ האָט קײנ ריטועלער פאָלקלאָר ניט געקאָנט געשאַפנ װערנ. ריטועלע קונסט־װערק אַפ אינ ײדיש זײַנענ שױנ דעמלט ניט נױטיק אונ ניט מעגלעך געװענ. די שפּראַך פונ טפילעס אונ רעליגיעזע געזאַנגענ בײַ אַלערלײ ריטועלע צערעמאָניעס, עפנטלעכע אונ אינדיװידועלע גאָט־דינסט, געזעלשאַפטלעכע פײַערונגענ, פאַמיליע־סימכעס אאַדגל. איז פונ די עלצטע צײַטנ אונ ביז איצט געבליבנ העברעיִש. אױב בײַ אַסאַך אַנדערע פעלקער איז די שפּראַך פונ דער רעליגיע ניט די פאָלקס־שפּראַך. דער כילעק אָבער איז דאָ אינ דעם, װאָס די שפּראַך פונ דער רעליגיע בײַ אַנדערע פעלקער איז געקומענ אַסאַך שפּעטער פונ דער פאָלקס־שפּראַך. צו דעם פּעריאָד, װענ בײַ װאָסער עס איז פאָל איז אײַנגעפירט די נײַע רעליגיע אונ די נײַע שפּראַך פונ דער גאָט־דינסט איז אינ דער פאָלקס־שפּראַך שױנ פונ לאַנג אָנ געװענ דער ריטועלער פאָלקלאָר־רעפּערטואַר. דער נײַער רעליגיעזער קולט האָט געשטרעבט צו באַקעמפנ דעם אַלטנ ריטועלנ רעפּערטואַר, כאָטש ניט אַלע מאָל האָט זיך עס אײַנגעגעבנ. די אַנטשטײונג פונ ײדיש איז ניט פאַרבונדנ מיט קײנ נײַע רעליגיעזע זוכענישנ. כאָטש די ברײטע ײדישע פאָלקס־מאַסנ אינ אײראָפּע האָבנ די העברעיִשע שפּראַך װײניק פאַרשטאַנענ, דאָך האָט זיך קײנער ניט געקאָנט פאַרמעסטנ אַרײַנצופירנ דאָס דאַװנענ אַפ דער אומגאַנג־שפּראַך.

אינ דעם ײדישנ פאָלקלאָר האָבנ מיר ניט װײניק לידער פונ רעליגיעזנ אינהאַלט. אָבער די אַלע רעליגיעזע לידער, יאָמטעװ לידער אאַדגל. פאַרמאָגנ ניט קײנע ריטועלע פונקציעס. דאָס זײַנענ לידער ליריש, מאַראַליש, דידאַקטיש אונ אַמאָל אַפילע שפּײַנער אונ פאַרװאַלונגס־לידער, װאָס יעדער אײנער אָדער אַ קאָלעקטיװ האָט געקאָנט זינגענ בײַ יעדער בא ליביקע גע־

לעגנהײט. עס זײנענ אױך ניט פאראנ[1] (און מיסטאמע קײנמאל ניט געװענ קײנ ריטועלע באסענע־לידער אינ ײדיש.

<u>דער ײדישער לידער־פאָלקלאָר, אָדער אפילע ברײטער: דער מוזיק־פאָלק־לאָר אײנגאנצנ גענומענ</u> (כּוץ לידער, אױך ניגונים צו פארשײדענע זמי־רעס און אנדערע געזאנגענ, אינסטרומענטאלע װערק, און אױך דער פאָלקס־טעאטער, װו מוזיק האָט פארנומענ ביז גאָר אַ אָנגעזעענ אָרט) <u>אינ דעם אײראָפּײשנ פעריאָד פונ דער געשיכטע פונ ײדנ איז געװענ דער קינסטלערישער אױסדרוק פאר די טאָג־טעגלעכע איבערלעבונגענ און עמאָ־ציעס פונ די פאָלקס־מאסנ, פונ זײערע פערזענלעכע און געזעלשאפטלעכע לײדנ און פרײדנ פונ זײערע געזעלשאפטלעכע אידעאלנ האָפענונגענ און באשטרעבונגענ.</u>

יעדער זשאנר פונ דער פאָלקס־קונסט, װאָס איז פארבונדנ מיט א װאָסע־סער ס'איז ריטואַל, װערט אינ א געװיסער מאָס קאַנאָניזירט און ער האלט זיך אינ דעם פאָלקלאָר־רעפּערטואר אזױ לאַנג, ביז עס לעבט דער אנט־שפּרעכיקער ריטואל. אוקראַינישע קאָליאַדקעס, שטשעדריװקעס, װעסניאַנקעס אדג"ל. זײנענ געזונגענ געװאָרנ אזױ לאַנג ביז עס האָט זיך געהאלטנ דער מינהג צו פײערנ די אנטשפּרעכיקע יאָמטױװים מיט אלע אטריבוטנ זײערע (סײ די קולטישע און סײ די שטײגערישע). װענ אָבער די אלטע מינהגים װערנ ארױסגעשטױסנ פונעם שטײגער, שטארבט אָפּ אױך דער לידער־רעפּערטואר, װאָס איז מיט זײ פארבונדנ. א געװיסע טײל פונ דעם ריטועלנ לידער־רעפּערטואר באַקומט אמאָל אַ אנדער סעמאַנטישנ און אי־דײשנ באטײט און בלײבט דעמלט אלס לירישער אא. רעפּערטואר.

אפ װיפל דער ײדישער מוזיק־פאָלקלאָר האָט ניט געהאט קײנ ריטועלע פונקציעס, איז ער קײנמאָל ניט קאַנאָניזירט געװאָרנ, הײסט עס, אז דער קאָנקרעטער לידער־רעפּערטואר האָט זיך געקאָנט האלטנ אינ דעם שטײגער אזױ לאַנג ביז ער איז געװענ אױסדרוק־פול, ביז ער האָט גערעגט און פארכאפּט דעם זינגער און די צוהערער. ארכאַישע עלעמענטנ האָבנ ניט געהאט בא װאָס זיך צו האלטנ, זײ האָבנ פאר זיך קײנ אָנשפּאר ניט געהאט.

---

1) פונ זיכערע קװעלנ װײסנ מיר, אז אינעם 16־טנ יאָרהונדערט האָב פרױענ אפ ײדישע כּאסענעס געזונגענ ספּעציעלע לידער פאר דער קאלע. די דאָזיקע לידער האָבנ אָבער ניט געהאט קײנ ריטועלע פונקציעס. זײ זײנענ געװענ דידאקטישע אָדער פארװײלונגס־לידער.

געגנ די געשיכטע פונ דער פאָלקס־קונסט (ניט נאָר פונ דער ײדישער נאָר פונ אסאך אנדערע פעלקער) איז אײנע פונ די שװערסטע אופגאַבעס, װאָס איז נאָך װײט ניט געלײזט געװאָרנ אינ דער פאָלקלאָריסטיק. אינ ײדיש האָבנ מיר שפּאָט־װײניק עלטערע דענקמעלער, װו עס זײנענ פיקסירט געװאָרנ ײדישע פאָלקס־לידער. עס איז אָבער מערקװירדיק, אינ די באַזונ־דערע רעשטנ פונ דעם עלטערנ פאָלקלאָר, װאָס האָט זיך ביז איצט אײנגע־געבנ אויסצוגעפינענ אינ דער מינדלעכער פאָלקס־שאַפונג, װאָס מע האָט אָנגעהויבנ מער־װײניק סיסטעמאטיש צו פארשרײבנ ערשט פונעם סאָפ 19־טנ יאָרהונדערט, געהערנ גראָד אויסשליסלעך צו די װעלטלעכע לידער, אונ אמײנסטנ אפילע בלויז צו די לירישע ליבע־לידער.

פאַרװאָס זײנענ גראָד רעשטנ פונ לירישע לידער געבליבנ אינעם פאָלק־לאָר, דאָס איז א פראַגע, װאָס פאָדערט א ספּעציעלע אָפּהאנדלונג. דאָ איז פאר אונדז גענוג אָפּצומערקנ, אז רעשטנ פונ די עלצטע צײטנ, זײנענ געבליבנ אויך אינעם ײדישנ פאָלקלאָר. ניט האָבנדיק קײנע ריטועלע פונקציעס קאָנ זיך דער פאָלקלאָר־רעפּערטואַר אָפּטער אויסבײטנ. קאָנקרעטע לידער װערנ פארגעסנ אונ נײע קומענ אוף אונ װערנ אונטערגעכאַפּט. דאָס הײסט אָבער ניט, אז דער אלטער רעפּערטואַר פארשװינדט אינגאַנצנ אונ לאָזט ניט איבער קײנע שפּורנ. אסאך עלעמענטנ זײנענ, װאָס פארמאָגנ נאָך אויסדרוק־קראַפט, װערנ אײנגעזאַפּט אינ דעם נײעם, װאָס קומט אוף. קײנ אײנ גאַנצע פאָלקס־ליד פונעם 16־טנ יאָרהונדערט פונ דער קלײנער צאָל, װאָס איז דעמלט פארנאָטירט געװאָרנ אונ האָט זיך אײנגעהאַלטנ ביז אונד־זערע צײטנ, איז אינעם איצטיקנ פאָלקלאָר ניט פארבליבנ. באַזונדערע סטראָפעס האָבנ זיך יאָ אײנגעהיט אינ פארשײדענע לידער. אויך די אַזוי גערופענע „װאַנדער־סטראָפעס" זאָגנ אײדעס, אז דער פאָלקס־קינסטלער זוכט ניט אומבאַדינגט אלצ אָפּנײ צו שאַפנ. דאָס, װאָס עס פּאַסט אונ איז אויסדרוק־פול פאר דעם, װאָס ער װיל אונדז איבערגעבנ נעמט ער פונ דעם אלטנ אונ אמאָל ארײנטראָגנדיק דערינ געװיסע ענדערונגענ אונ אמאָל אפילע נעמט ער עס אָנ קײנע ענדערונגענ.

דער ניט־ריטועלער כאראקטער פונ אלע אָנ אויסנאַם מינימ אונ זשאַנ־רענ פונ דעם ײדישנ מוזיק־פאָלקלאָר איז געװענ אײנער פונ די פּאָזיטיװע

מאמענטנ, וואס האט ניט געשטערט, ניט פארהאלטנ די ווייטערדיקע אנטוויק-
לונג זיינער. נעמענ מיר, אשטייגער, דעם כאסענע-ריטואל, אינ אוקראיניש
[illegible] רוסיש אא. האט זיכ דער כאסענע-ריטואל אויסגעפורעמט ווי א מ[illegible]
מינ מיסטעריע-פארשטעלונג, ווו די הויפט-ראל האט געשפילט דער סאליסט
אונ דער כאר. מיט ספעציעלע לידער ווערנ באגלייט אלע צוגרייט-פראצעסנ
צו דער כאסענע. אפילע דאס צוגרייטנ אנטשפרעכיקע מייכאלימ, באזונדערס
דאס געבעקס, איז באגלייט געווענ מיט ספעציעלע לידער. מיט אנטשפרעכי-
קע לידער האט מענ קאנעגנט די געסט אונ באזינגענ אלע עטאפנ פונעם
צערעמאניאל. אינסטרומענטאלע מוזיק האט זיכ זייער ווייניק באטייליקט
אינעם גאנצנ צערעמאניאל, די אוקראינישע אונ רוסישע כאסענע איז [illegible]
זייער שיינ, ווי א מינ אייגנארטיקע טעאטראליזירטע אקציע. ווענ אבער די [illegible]
אויספורעמונג פונעם כאסענע-צערעמאניאל איז אלגעמיינ פארענדיקט געוו[illegible]
ווארנ אונ די פארמ איז קאנאניזירט געווארנ איז זי אויכ פארגליווערט געו[illegible]
געווארנ אונ האט שוינ מער ניט געגעבנ קיינ מעגלעכקייט ווייטער זי צו אנט-
וויקלענ. דערמיט איז אויכ צו דערקלערנ די פארהעלטנישמעסיק קלענערע
ראל פונ דער אוקראינישער אינסטרומענטאלער מוזיק.

גאר אנ אנדער בילד האבנ מיר אינעם יידישנ כאסענע-ריטואל. די צאל
קאנאניזירטע לידער (טפילעס אונ [illegible] אפ העברעיש) איז געווענ א מי-
נימאלע. זיי האבנ געפורעמט אונ אונטערגעשטרייכט בלויז די קנופ-פונקטנ
פונ דער כאסענע. (קידושנ, שעווע-בראכעס אדגל). דער[illegible]קער האט זיכ כאס-
סענע-צערעמאניע געהאלטנ אפ דער אינסטרומענטאלער מוזיק, וואס האט דא
אויסגעשפילט א וויכטיקע פארמירנדיקע פונקציע פונ אנהייב ביזנ סאמע סאפ
פונ דער כאסענע. די מעכוטאנימ איז מענ געפארנ באגעגענענ מיט מוזיק.
פאר יעדנ פונ די מעכוטאנימ האט מענ געשפילט א מאזל-טאוו, מיט מוזיק
האט מענ באזעצט די קאלע, געפירט צו דער כופע. נאכ דעמ קידושנ-אקט
האט מענ געשפילט, מיט מוזיק האט מענ געפירט פונ דער כופע, געבראכט
די געסט צו דער וועטשערע, געשפילט „צומ טיש" אונ צומ טאנצנ, באגלייט
די מעכוטאנימ אאוו. ביז דעמ לעצטנ „זיי געזונט", ווענ די מעכוטאנימ
פלעגנ זיכ צעגיינ אדער זיכ צעפארנ.

איז קיינ וואונדער ניט, וואס די יידישע אינסטרומענטאלע מוזיק האט זיכ

19

אזוי רייך אנטוויקלט. אליין דער קלעזמערישער רעפערטואר איז קיינמאל ניט קאנאניזירט געווארן, שוין אפגערעדט פון די טענץ, וואס האבן זיך זייער אפט געביטן לויט דער מאדע, אפילע דער רעפערטואר, וואס פלעגט געשפילט ווערן צום הערן (מאזל־טאוו, צום טיש אדג.), פלעג אלעמאל טיילווייז באנייט ווערן. פארשטייט זיך, אז די טראדיציע האט דא געשפילט א געוויסע ראל. דאס האט אבער געקאנט הייסן, אז דער קלעזמער זאל שאפן דאס נייע אין די גרענעצן פון דעם אנגענומענעם סטיל.

קאנקרעטע ווערק, וואס קלעזמער האבן געשפילט, אשטייגער, צו קאלע באזעצן, האבן טייל פון קלעזמער אופגענומענע פארשיידענע. זיי זיינען אבער אלע בעערעך פון איין און דעם זעלבן כאראקטער, אנטשפרעכיק צו דער טראדיציע פון קאלע־באזעצן. קיינער האט די קלעזמער קיינמאל ניט פארווערט אליין צו שאפן אדער איבערנעמען פון אנדערע קלעזמער נייע ווערק און שפילן זיי אפ דער כאסענע. פארקערט, מיר ווייסן פון אסאך פאלן, ווען די באלעבאטים, באזונדערס אפ רייכע כאסענעס, האבן געפאדערט פון די קלעזמער, אז זיי זאלן אומבאדינגט פארשאפן נייע ווערק.

מיר וועלן איינקורצן באטראכטן נאך איין אפצווייג פון דעם יידישן מוזיק־פאלקלאר, די ניגונים אן ווערטער און אפילע אויך די ניגונים צו פארשיידענע זמירעס. אויך דא האבן די ניגונים קיין ריטועלע פונקציעס ניט געהאט. דער טעקסט פון די זמירעס איז געבליבן קאנאניזירט, אבער די ניגונים זיינען קיינמאל ניט צוגעפעסטיקט געווארן איין מאל פאר אלע מאל צו א געוויסן טעקסט. ניט נאר אין פארשיידענע שטעט אדער קאנטן האט מען איינע און די זעלבע זמירעס געזונגען אפ פארשיידענע ניגונים, נאר יעדער איינער האט געקאנט בייטן, צופאסן א נייעם ניגון צו די זמירעס. ס'איז גענוג א בלעטער טאן בערנשטיינס זאמלונג „מוזיקאלישער פינקעס" (ווילנע 1928), קעדיי זיך איבערצייגן אין דעם. דארט ווערט צו איין און דעם זעלבן טעקסט פון זמירעס אנגעגעבן ביז 15 פארשיידענע ניגונים. דאס זעלבע איז מיט ניגונים אן ווערטער.

דער דאזיקער זשאנר איז ווייזט אויס איינעם יידישן שטייגער אנגענומען פון לאנג אן. די רייכסטע אנטוויקלונג האט ער אבער באקומען מיט

דער אנטשטײונג פונעם כאסידיזם. (אנהייב 18־טן יארהונדערט). סיי-
טן גופעסטן פיעטעט האבן זיך די כאסידים באצויגן צו דעם אנדענק פו-
פון די גרינדער פונעם כאסידיזם, און איניקע ראביים האבן געהאלטן
פאר א מוז, אז די כסידים זאלן אויסלערנען די אלטע ניגונים, וואס
די טראדיציע פארבינדט זיי מיט די נעמען פון די גרינדער פונעם כא-
סידיזם. דאס האט אבער ניט געשטערט, אז הונדערטער נייע ניגונים
זאלן געשאפן ווערן. אסאך כסידישע ראביים פלעגן אליין שאפן נייע ני-
גונים אדער אויסהאלטן ספעציעלע באלטפילעס. וואס זייער פליכט איז
געווען יעדן שאבעס פארפאסן א נייעם ניגון. די בעסערע ניגונים פלעגן
אונטערגעכאפט ווערן פון דער גאנצער מאסע כסידים און פארשפרייט ווע-
רן איבער שטעט און שטעטלעך. דער דאזיקער זשאנר האט זיך זייער רייך
פאנאנדערגעוויקלט און צעבליט. סיי אין דער צאל, סיי אין דער קוואלי-
טעט איז דאס איינער פון די רייכסטע אפטיילונגען אין דעם יידישן
מוזיק־פאלקלאר. דא האבן מיר ניגונים פון לירישן, דראמאטישן, פיי-
לאזאפישן אדגל. כאראקטער. דא האבן מיר אויך א גרויסע צאל טאנצ-
ניגונים פון פארש יידענעם כאראקטער. אויך דאס האט געקאנט פארקומען
דערפאר וואס דער רעפערטואר איז אין גרונט ניט קאנאניזירט געווארן,
און האט געקאנט זיך פריי אנטוויקלען.

קעדיי צו פארענדיקן מיט אלע מינים פונעם יידישן מוזיק־פאלקלאר,
וואס קאנען זיך אמאל דורכטן אלס ריטועלע, וועלן מיר איינקורצן באטרא-
ראכטן דעם יידישן פאלקס־טעאטער, די פורים־שפילן. דער יידישער פאלקס
טעאטער האט אין גרונט פונקציאנירט איין טאג אין יאר – פורים. לויט
דער טראדיציע איז ער געווארן א באשטאנד־טייל פון דער פורים־פייערונג
ער האט אבער ניט געהאט קיינע ריטועלע פונקציעס, די יידישע רעליגיע-
זע פירער האבן געשטרעבט אויסצונוצן טעאטראלישע עלעמענטן אויך פאר
דער גאט־דינסט אדער פאר די רעליגיעזע צערעמאניעס אינעם שטייגער.
מיר וועלן ניט אנרירן די באזונדערע טעאטראליזירטע מאמענטן פון דער
יידישער גאט־דינסט און זיך אפשטעלן בלויז אפ איין שטייגעריש־רעליגיע-
זער צערעמאניע, וואס האט באקומען די רייכסטע אנטוויקלונג אינעם יידישן
ריטום. איך האב דא אינזינען די טיידער־צערעמאניע, וואס פלעג געפרא-

װעט װערן אין די ערשטע צװײ אקטן פון פיעסע. דער טעקסט איז פאנאנ־דערגעטײלט צװישן צװײ אויספירער, דעם פעטער, װאס זאגט דעם טעקסט פון דער האגאדע און דעם קינד, װאס פרעגט די קאשעס, אבער ניט בלויז מיט פאנאנדערטײלן דעם טעקסט ענדיקט זיך די אינסצענירונג. עס איז דא אײנגעפירט א געװיסער קאסטיום (דער קיטל, װאס דער פעטער טוט אן) רעקװיזיט — די העסעיבעט, די קערע, מיט די מאצעס, אפ װעלכן עס זײ־נען אויסגעלײגט גרינס, קרײטעכצער ארגל, װאס װערן ארויסגעשפילט אין גאנג פונעם סידער. דער טעקסט פון דער האגאדע פארמאגט אסאך „רעזשי־פנװײזונגען" װאס דערמאנען װען און װאס צו טאן אין גאנג פון סידער־אפריכטן. עס איז קעדײ אפצומערקן, אז דא האבן מיר אפילו א דערמאנ־נונג אפ דעם עטאפ אין דער געשיכטע פון טעאטער, װען אין די מיסטערי־עס האט מען אנגעהויבן ארײנפירן די ארטיקע נאציאנאלע שפראך (פארא־לעל אדער אנשטאט לאטײן). אין דעם סידער־אפריכטן האבן מיר שטעלן, װו עס װערט ארײנגעפירט ײדיש (די רעפליק פונעם קינד: „טאטע, כ'װיל דיר פרעגן פיר קאשעס אאז"), אויב װען דאס קינד זאגט דעם העברעישן טעקסט פון די קאשעס, זעצט ער זײ איבער אפ ײדיש. אויך אנדערע טעאט־ראלע עפעקטן האבן מיר דא: עליאהו הנאװים קאם. דאס עפענען די טיר פאר עליאהו הנאװי, דער עפיזאד מיט אפיקוימען, די קינדער־לידער, װאס װערן געזונגען (כאד־גאדא) אאז.

װי מיר זעען איז דער סידער־צערימאניאל זײער רײך מיט טעאטראליש־עלעמענטן. מע קען אפילו זאגן, אז דאס איז אינגאנצן געזונטע אן אײנארטיקע שטוב־אינסצענירונג. מאכמעס איר ריטועלן כאראקטער האט זי אבער קײן היסטארישע אנטװיקלונג ניט געקענט באקומען, און איז גע־בליבן פארגליװערט אפ שטענדיק.

דער ײדישער פאלקס־טעאטער און דער רעפערטואר זײנען ניט קאנאניזירט געװארן און ער האט קײנמאל קײן ריטועלע פונקציעס ניט פ־מאגט. פארקערט, מע קען זאגן, אז דער ײדישער פאלקס־טעאטער האט עק־זיסטירט טראץ די אויסגעשפראכענע שטערונגען פון די קלעריקאלע פיר־פון די ײדישע קהילעס.

אסאך שטײער אפן װעג האט געהאט דער ײדישער פאלקס־טעאטער. דער

קאמפ פונעם קלער קעגנ דעם טעאטער ביכלאל האט געצווונגענ די פאלקס־
קינסטלער צו פראקלאמירנ זייערע פארשטעלונגענ" ווי שפילנ אונ „ווארע
געשיכטעס" אונ אמאל אפילע בעפיירעש אונטערשטרייכנ, אז זיי זיינענ ניט
געקומענ צום שפילנ טעאטער נאר צו דערציילנ די וואונדער פונ די אמעס.
דערפונ (קעדיי צו קאנענ די עס איינ עקזיסטירנ) קומט אויב [illegible]ס. וואס
דער גאנצער רעפערטואר איז איינ מעשעכ פונ יארהונדערטער באשטאנענ פנ
פונ פיעסעס, וואס דער סיוזשעט זייערער איז גענומענ פונ דער ביבל.
דער יידישער טעאטער איז ניט געווענ קיינ רעליגיעזער טעאטער אונ
האט קיינ ריטועלע פונקציעס ניט פארמאגט, די אנלאדונג האט ער באקונ־
מענ איינ א צייט, וואס האט געדארפט מיט רעגעטאנס־שטימונגענ אונ דאס,
וואס דער פאלקס־טעאטער האט איינעם יידישנ שטייגער ניט געקאנט באקומענ
די געהעריקע אנטוויקלונג — דאס הענגט שוינ אפ פונ אנדערע סיבעס. אי
איינ דער געגעבענער היסטארישער סיטואציע האט ער איינ בעסטנ פאל גע־
קאנט ווערנ בלויז דער אויסדרוק פונ דער גרויסער שטרעבונג פונ די
פאלקס־מאסנ צום טעאטער. דער קאנקרעטער טעאטער האט קויום איינגעהיט
די פאזיציעס, וואס ער האט אמאל דערגרייכט אבער אליינ איז ער געווענ
גענוג שוואכ קעדיי צו קאנענ ווערנ דער טרעגער פונ די נייע אידייענ,
וואס די צייט האט געבראכט. די פאלקס־ליד האט אלע מאל אויפגעכאפט
דאס נייע איינ דעם געזעלשאפטלעכנ שטייגער. איינ דער האסקאלע־עפאכע
האט די פאלקס־ליד פילבאר רעאגירט אפ די נייע אידייענ, וואס די האס־
קאלע־טוער האבנ געפרייידיקט. די רעוואלוציאנערע באוועגונג איינ די 90־
ער יארנ אונ ארום דער רעוואלוציע פונעם 1905 יאר האט ארויסגערופ־
פנ א מענגע נייע רעוואלוציאנערע לידער. דער פאלקס־טעאטער איז שוי
איינעם 19־טנ יארהונדערט אזוי אויסגעשעפט געווענ, ער איז געבליב
קיימאט ווי אנ אכראניזמ. איינ דעם שארפנ אונ איינגעשפארטנ קאמפ פאר
טעאטער, וואס מיר האבנ איינ פארלויפ פונעם גאנצנ 19־טנ.
יארהונדערט הקט שוינ דער פאלקס־טעאטער, די פורימ־שפיל, קיינ דירע
רעקטע ראל ניט געקאנט שפילנ. אונ דא איז אבער שולדיק ניט דער
פאלקס־טעאטער גופע. פארקערט, דער פאלקס־קינסטלער איז
בעשאפנ געווענ מאקסימאל אקטיוו איינעם קאמפ פאר טעאטער. ער האט נ

ניט נאר ניט דורכגעלאזט די צייט ווען ער האט געקאנט פארכאפן די פאזי-
ציע און איינבירגערן אינעם יידישן שטייגער דעם טעאטער (זאל זיין כאטש
איין טאג אין יאר", אינעם טאג פונעם פרייליכן פורים-קארנאוואל), נאר
ער האט די דאזיקע פאזיציע איינגעהאלטן אפילו אין די שווערסטע און
טאמע פינצטערע צייטן.

איך האב זיך בעקיצן אפגעשטעלט אפ דער כאסענע-מוזיק, ניגונים
פון ווערטער און ניגונים צו זמירעס, און אפ דעם פאלקס-טעאטער. אפן
ערשטן בליק קאן זיך דוכטן, אז די דאזיקע צווייגן פונעם יידישן
פאלקלאר פארמאגן דאך געוויסע ריטועלע פונקציעס. אין דער עמעסן אבער
איז דאס ריטועלע אין דער כאסענע אדער אינעם יידישן שטייגער אין די
פורים-פיערונגען געלעגן ניט אין דער מוזיק אדער אין די פיעסעס,
וואס זיינען דא געווען בלויז איניקע פון יענע עלעמענטן, וואס געבן
צו פארם דעם ריטואל. אבער אליין דער קאנקרעטער רעפערטואר האט קיין
ריטועלע פונקציעס ניט פארמאגט. דאס זעלבע איז שייך צו די רעלי-
גיעזע לידער, אקטועל-לידער אדגל. שוין אפגערעדט פון שטייגער-
פאמיליע-לירישע אדגל. לידער.

די יידישע פאלקס-קונסט האט פאר אונדז די מעלע, וואס זי האט אין
די שווערסטע און סאמע פינצטערע צייטן איינגעהיט, זאל זיין כאטש אין א
מינימאלער מאס, עלעמענטן פון א פרייען גייסט, פון ערדישער לעבנס-
לוסט פון די פאלקס-מאסן. און אמאל אפילו איז די פאלקס-קונסט געווען
דאס איינציקע ווינקעלע, וואס האט דאס אלץ פארהיט.

אויסוואקסנדיק אין אן אנדער סאציאלער אטמאספער און אפ אנדערע
סאציאלע אידייען, איז דער יידישער פאלקלאר אויך אין דער מוזיקאלישער
שפראך זיינער זייער ווייניק פארבונדן מיט דער יידישער ריטועלער מוזיק.
ניט געקוקט אפ דער „אלפאלקישקייט" פון די יידישע רעליגיעזע [illegible]
נוסכאעס און געזאנגען אינעם אלטן יידישן שטייגער, מוז מען דאך קאנ-
סטאטירן, אז די יידישע פאלקס-מוזיק פון אלע זשאנערן פונעם יידישן
פאלקלאר דערין איינגעשלאסן אויך די רעליגיעזע און האלב רעליגיעזע

АКАДЕМІЯ НАУК УКРАЇНСЬКОЇ РСР

КАБІНЕТ ЄВРЕЙСЬКОЇ КУЛЬТУРИ

Київ, Бульвар Шевченка 14, тел. № 4-91-88

№........................ ....194......р.

NB! [illegible]

לידער אינ יידיש, ניגונימ אונ ווערטער אדגל. אונטערשיידט זיך קאטעגא־
ריש פונ די טפילע־נוסכאעס. דער מוזיק־פאלקלאר מיידט אינגאנצנ אויס
די סינאגאגאלע מעלאדיק. בלויז אינ הומאריסטישע אונ אינ סאטירישע
פאלקס־לידער פונ פארשיידענעמ כאראקטער אונ אינהאלט ווערט אמאל אנגע־
ווענדעט אויך די עכטע סינאגאגאלע מעלאדיק, וואס באקומט דא אבער שוינ
גאר אנ אנדער סטאנטישנ באטייט. אינ אנדערע זשאנרענ פונ דער שטייגע־
רישער פאלקס־מוזיק וואלט איך ניט געקאנט אפמערקנ קיינ איינ אונ איינצי־
קיק ליד, צו וועלכער עס זאל אנגעווענדעט ווערנ א מעלאדיע, וואס זאל
זיינ איבערגענומענ פונ דער סינאגאגאלער מוזיק.

די אידייש־קינסטלערישע איינשטעלונגענ פונ דער וועלטלעכער פאלקס־
קונסט איז גאר ווייט פונ דעמ רעליגיעזנ ריטוס. ווי פרומ אונ גאטספארכ־
טיק דאס מיידל זאל ניט געווענ זיינ האט זי ניט געקאנט אנווענדנ פאר
די ליבע־לידער, וואס זי האט געזונגענ, די אינטאנאציעס פונ די טפי־
לעס, וואס זי האט פונ קליינווייז אנ געהערט אינ שטוב, אדער פונ די
מקאפעווע ניגונימ, וואס זי האט געהערט שאבעס אונ יאנטעה. אונ אפי־
לע פונ די טכינעס, וואס זי האט געהערט אונ איבערגענומענ פונ די
פרויענ. די מעלאדיק פונ די טפילעס ניגונימ אדגל. איז דעמלט געווע־
אנגעלאדנ מיט באשטימטע אסאציאציעס, וואס זיינענ פרעמד געווענ דעמ
כאראקטער פונ די ליבע־לידער. דער אינהאלט אונ כאראקטער פונ די
ליבע־לידער האט געשטויסנ דעמ פאלקס־קינסטלער צו שאפנ אויסדרוק־
מיטלענ (סיי אינ ווארט, סיי אינ קלאנג) פונ אנדערע קוואלנ אונ ניט פונ
פונ טפילעס, נוסכאעס אונ אנדערע רעליגיעזע געזאנגענ.

אויך אינ די שטייגער־לידער וועלנ מיר קיינ סינאגאגאלע מעלאדיעס
ניט געפינענ. אפער אפילע אינ די רעליגיעזע פאלקס־לידער אונ אינ
די כסידישע געזאנגענ (די פארשיידנסטע ניגונימ מיט אונ אנ ווערטער)
וועלנ מיר גארניט זעלטנ געפינענ עכטע סינאגאגאלע מעלאדיק.

דערביי מוזנ מיר אבער געדענקענ, אז ניט אלץ, וואס מע האט געזונ־
גענ אינ בעסמעדרעש, ניט אלע מעלאדיעס, וואס כאזאנימ האבנ ארייגגע־
פירט אינ דעמ שאבעסדיקנ אונ יאמטעודיקנ דאוונענ, דארפנ מיר באטרא־
כטנ ווי עכטע סינאגאגאלע מוזיק. עס קאנ בעפייעש טרעפנ, אז די אדער

לידער אינ ייִדיש, ניגונים אונ ווערטער אדגל. אונטערשיידט זיכ קאַטעגאָ-
ריש פונ די טפילע-נוסכאָעס. דער מוזיק-פאָלקלאָר מײַדט אײַנגאַנצנ אויס
די סינאַגאָגאַלע מעלאָדיק. בלויז אינ הומאָריסטישע אונ אינ סאַטירישע
פאָלקס-לידער פונ פאַרשיידענעמ כאַראַקטער אונ אינהאַלט ווערט אַמאָל אָנגע-
ווענדעט אויכ די עכטע סינאַגאַגאַלע מעלאָדיק, וואָס באַקומט דאָ אָבער שוינ
באַר אַנ אַנדער סמאַנטישנ באַטײַט. אינ אַנדערע זשאַנרענ פונ דער שטײַגע-
רישער פאָלקס-מוזיק וואַלט איכ ניט געקאָנט אָפּמערקנ קיינ אײנ אונ אײנצ-
ציק ליד, צו וועלכער עס זאָל אָנגעווענדעט ווערנ אַ מעלאָדיע, וואָס זאָל
זײַנ איבערגענומענ פונ דער סינאַגאָגאַלער מוזיק.

די אידײיש-קינסטלערישע אײַנשטעלונגענ פונ דער וועלטלעכער פאָלקס-
קונסט איז גאָר ווײַט פונעמ רעליגיעזנ ריטוס. די פרומע אונ גאָטספאָרכ-
טיק דאָס מײדל זאָל פיט געווענ זײַנ האָט זי ניט געקאָנט אויסווענדנ פאַר
די ליבע-לידער, וואָס זי האָט געזונגענ, די אינטאָנאַציעס פונ די טפי-
לעס, וואָס זי האָט פונ קלײַנווײַז אָנ געהערט אינ שטוב, אָדער פונ די
מקאָשווע ניגונים, וואָס זי האָט געהערט שאַבעס אונ יאָנטעוו. אונ אפי-
לע פונ די טכינעס, וואָס זי האָט געהערט אונ איבערגענומענ פונ די
פרויענ. די מעלאָדיק פונ די טפילעס, ניגונים אדגל. אינ דעמלט געווע-
אָנגעלאָדנ מיט באַשטימטע אַסאָציאַציעס, וואָס זײַנענ פרעמד געווענ דעם
כאַראַקטער פונ די ליבע-לידער, דער אינהאַלט אונ כאַראַקטער פונ די
ליבע-לידער האָט געשטויסנ דעמ פאָלקס-קינסטלער צו שאַפנ אויסדרוק-
מיטלענ (סײַ אינ ווערט, סײַ אינ קלאַנג) פונ אַנדערע קוואַלנ אונ ניט פונ
פונ טפילעס, נוסכאָעס אונ אַנדערע רעליגיעזע געזאַנגענ.

אויכ אינ די שטײַגער-לידער וועלנ מיר קיינ סינאַגאַגאַלע מעלאָדיעס
ניט געפינענ. אַפילו אינ די רעליגיעזע פאָלקס-לידער אונ אינ
די כסידישע געזאַנגענ (די פאַרשיידנסטע ניגונים מיט אונ אָנ ווערטער)
וועלנ מיר באַרײַבער זעלטנ געפינענ עכטע סינאַגאַגאַלע מעלאָדיק.

דערבײַ מוזנ מיר אָבער געדענקענ, אַז ניט אַלץ, וואָס מע האָט געזונ-
גענ אינ בעסמעדרעש, ניט אַלע מעלאָדיעס, וואָס כאַזאָנים האָבנ אַרײַנגע-
פירט אינ דעמ שאַבעסדיקנ אונ יאָמטעוודיקנ דאַוונענ, דאַרפנ מיר באַטראַ-
כטנ ווי עכטע סינאַגאַגאַלע מוזיק, עס קענ בעפירעש טרעפנ, אַז די אָדער

יענע קאנקרעטע מעלאדיע פון א פאלקס־ליד אדער פון א טעאטער־שטיק אבגל. (דא האב איך אינזינען ניט קיין הומאריסטישע און סאטירישע לי־ לידער) זאל זיין איבערגענומען דירעקט פון א כאזן, וועלכער האט אפ ז דער דאזיקער מעלאדיע געזונגען א געוויסע ספילע. דאס הייסט דאך ניט, אז די דאזיקע מעלאדיע געהער טאקע צו עכטע סינאגאגאלע נוסעב. מיר האבן גאר אסאך היסטאריש באשטעטיקטע פאקטן, אז די פייטאנים און כאזאנים האבן פון לאנג אן גענומען אריינפירן אין דעם סינאגאגאלן געזאנג א היפש ביסל מעלאדיעס, וואס זיי האבן איבערגענומען פון פאר־ שידענע אינטערנאציאנאלע בעפיירעש וועלטלעכע לידער. ראבאנים האבן אלע מאל קעגן דעם שארף פראטעסטירט. דאס האט אבער וויניק־וואס גע־ האלפן. הייסט עס, אויב דער פאלקס־קינסטלער האט אמאל עפעס טאקע איבערגענומען אויך בא די כאזאנים איז דאס נאך קיין באוויז ניט, אז דאס איז סינאגאגאל. אליין דער כאזן האט אפטמאל געמוזט ווערן דעו דער „קאנצערט־זינגער“, קעדיי צו באפרידיקן דעם ברייטן אוילעם, וואס האט געגאפט און געקוויקט זיך מיט א שיינער מעלאדיע, באטש זי איז ניט נאר עכט סינאגאגאליש.

נאציאנאליסטישע סאטיוון האבן באוואגן אייניקע יידישע קאמפאזיטארן און מוזיקאלישע טוער פון דעם פאררעוואלוציאנערן פעריאד צו שטעלן די פראגע וועגן פרימאט פון דער סינאגאגאלער מוזיק אין פאר־ גלייך מיט דעם וועלטלעכן שטייגערישן מוזיק־פאלקלאר.

אין מיין ארבעט „צו די אופגאבעס פון דער יידישער מוזיקאלישער פאלקלאריסטיק“[1] האב איך גענוי באהאנדלט די דאזיקע רעאקציאנערע טעאריעס. איצט וויל איך נאך באטאנען, אז דא גייט ניט אין דער אפ־ שאצונג פון דער קינסטלערישער ווערט פון דער סינאגאגאלער מוזיק אב אלס אזעלכער. ס'איז קיין ספעק ניט, אז צווישן די סקארבאווע נוסכאס עס קאנען מיר טרעפן ניט נאר מאנאטאנע פסאלמאדישע רעטשיטאטיוון, נאר אויך זייער רייכע און אויסדרוק־פולע מעלאדיעס. (מער אדער ווי־ ניקער פאנאנדערגעוויקלטע) און ניט וויניק הארציקע, רירנדיקע איינ־ טאנאציעס און מאטיוון. ביז ווי לאנג אבער די דאזיקע מעלאדיעס און

---

1) אין דער זאמלונג „פראבלעמען פון פאלקלאריסטיק“.

נוסכאָעס זיינענ אָנגעלאָדנ מיט אַסאָציאַציעס פונ דעמ יידישנ רעליגיעזנ שטייגער קאָנענ זיי ניט אָנגעווענדעט ווערנ צוליבנ אויסדרוק פונ אַנדערע אידייענ אונ אַנדערע עמאָציאָנעלע אינהאַלטנ. די פּראַקטיק פונ איניקע יידישע קאָמפּאָזיטאָרנ, וועלכע האָבנ געפּרוּווט אָנצווענדנ סינאַגאָגאַלע אינטאָנאַציעס אַשטייגער פאַר לירישע ליבע־לידער האָט באַשיינלעכ באַוויזנ די אומפּרוכטבאַרקייט פונ דער דאָזיקער אַוועע. עס באַקומט זיכ ניכער דער אויסדרוק פונ הומאָר איידער ליריק.(1)

דער פאָלקס־קינסטלער האָט זייער גוט געוווּסט די פּסיכאָלאָגישע איינלאָדונג, וואָס מעלאָדיעס אונ נוסכאָעס באַקומענ אינעמ שטייגער. אינ אַנ אַנטי־חסידיש ליד פונ דעמ מאַסקילישנ פּאָעט ש. בערנשטיינ. („מאַגאַזינ פונ יידישע לידער". זשיטאָמיר 1869) „יעלאָלעס צאַדיקימ" ווערט פאַרגעשטעלט ווי „גוטע יידנ" קלאָגנ זיכ אָפּ זייער ביטער מאַזל, וואָס ווערט אַלצ ערגער אונ ערגער. אַפּיקאָרסימ מערנ זיכ, מע האַקט די פּיאָס, מע גאָלט בערד אונ מע גלויבט מער ניט אינ די „גוטע יידנ". מע לאַכט פונ זיי אונ מע באַשרייבט זיי אינ „המליצ", אינ „קול מעוואַסער". בנוצ דעמ

מאַקע צווישנ אונדזערע יידעלעכ
וואָס זיינענ אָפּ אונדז גרויסע מעווינימ
מאַכנ פונ אונדז לידעלעכ
אונ זינגענ מיט אונדזערע ניגונימ.

אויכ דער פאָלקס־קינסטלער האָט געוווּסט, אַז צוליב סאַטירישע צוועקנ איז דאָס אָנווענדנ די חסידישע מעלאָדיעס אַנ אויסגעצייכנט מיטל. אָנווענדנ די דאָזיקע מעלאָדיק צוליב פּאָזיטיווע אויסדרוק איז דעמאָלט ניט מעגלעכ געווענ. יעדער פאַרשפּרייטע חסידישע מעלאָדיע האָט זיכ גלייכ אַסאָציירט מיט דעמ חסידישנ שטייגער. דאָס זעלבע איז שייכ צו סינאַגאָגאַלע נוסכאָעס.

---

1) זע אַשטייגער י. אַבראַהאַמס ראַמאַנס אָפּ י. פּיכמאַנס טעקסט. "יומ יומ אני הולכ למעונכ" פאַרלאַג „יבנה ברלינ־ירושלימ".

אינ גרונט איז דער פאָלקלאָר די קונסט פונ די ברייטסטע האַרעפּאַש־
נע מאַסנ. אינ דער פעאָדאַלער אונ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז
די ליטעראַטור אַסאַך ווייניקער צוטריטלעכ פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסנ
אונ דער מינדערלעכער פאָלקלאָר איז אַמאָל דער איינציקער קינסטלערי־
שער אויסדרוק פונ זייערע אידעאַלנ. אינ דער מוזיקאַלישער טייל פאַר־
כאַפּט דער פאָלקלאָר אַסאַך ברייטערע שיכטנ, אָפטמאָל אַפילע יענע, וואָס
פאַר זיי איז די מינדלעכע פאָלקס־שאַפונג אינגאַנצנ גענומענ שוינ
מער ניט טיפּיש. ניט נאָר פאַר די פריערדיקע יאָרהונדערטער פונ דער
געשיכטע פונ יידישער ליטעראַרישער פּאָעזיע (ווי אויכ פאַר דער פּאָע־
זיע פונ אַסאַך אַנדערע פעלקער) איז אינ דער מוזיקאַלישער טייל טי־
פּיש דער פאָלקלאָרישער מעטאָד נאָר אויכ אַפילע אַסאַך פּאָעטנ פונ דעם
19־טנ יאָרהונדערט. די גרויסע עפּישע ווערק פונ דער יידישער שפּיל־
מאַנ – שאַפנ זיינענ געזונגענ געוואָרנ. עליאַהו באַכער זינגט זיינע
ראָמאַנענ מיט א „וועלשנ ניגונ". בא אַלע יידישע היסטאָרישע, דידאַקטי־
שע אאַ. עלטערע לידער, וואָס זיינענ צו אונדז דערגאַנגענ, ווערט אַלע
מאָל אָנגעגעבנ ניגונ אפ וועלכנ זיי ווערנ געזונגענ. אָבער אויכ
מיכל גאָרדאָנ, ש. בערנשטיינ, א. גאָלדפאַדנ ביז שאָלעמ־אַליכעמענ שאַ־
פנ אָדער פּאַסנ צו זייערע לידער צו געזאַנג־מעלאָדיעס. דערביי ווערט ב
בא זיי בא אַלעמענ אָנגעווענדעט אויסשליסלעכ דער מעטאָד פונ מינד־
לעכער טראַדיציאָנעלער צופּאַסונג אונ פאַרשפּרייטונג פונ די מעלאָדי־
עס. נאָר־נאָר זעלטנ דריקט א פּאָעט אָדער באַדכנ (א. גאָלדפאַדנ, א.
צונזער אאַ.) זיינע לידער מיט נאָטנ. די גרעסטע טייל פּאָעטנ באַ־
נוצנ זיכ אינעם 19־טנ יאָרהונדערט, אַפילע, וואָס זיי באַצייכענענ
די ליד (געוויינלעכ זייער פּאָפּולערע), פונ וואַנענ זיי האָבנ גענומענ
די מעלאָדיע.

מינדלעכקייט איז ניט נאָר א טעכניש מיטל אפ צו איבערגעבנ די
מעלאָדיע. דאָס הייסט דעריקער, אַז די מעלאָדיע דאַרפ זיינ אַזוי גע־
בויט, אַז זי זאָל זינגעמדיק זיינ אונ מע זאָל זי קאָנענ גרינג אונ
גלייכ איבערנעמענ. דאָס אויפנעמענ פאָלקס־מעלאָדיעס פאָדערט ניט פונ־
נעם זינגער קיינ ספּעציעלע שטודיע. א ליד ווערט אויפגענומענ אוזי

װי פֿאַרבײַנדיק אונ אָפֿט אַפֿילע אָנ דער מינדסטער אָנשטרענגונג. דאָס הײסט אָבער אינ קײנ פֿאַל ניט, אַז די פֿאָלקלאָרישע מעלאָדיעס זײַנענ אומ־באַדינגט פּרימיטיװע אונ אײנפֿאַכע מעלאָדיעס. גאָר ניט װײניק האָבנ מיר דאָ זײער רײַנ אַנטװיקלטע אונ אַפֿילע גאַנצ קאָמפּליצירטע מעלאָדיעס.

װענ מיר זאָגנ, אַז די פֿאָלקלאָר־קונסט איז די קונסט פֿונ די ברײט־סטע פֿאָלקס־מאַסנ דאַרפֿ דאָס גיכער באַטײַטנ, אַז ניט יעדער אײנציקער פֿאָלקס־מענטש איז טאַקע אימשטאַנד אַלײנ אויסצוזינגענ אַלע מינימ פֿאָלק־לאָר־װערק. די גראַד מוזיקאַלישע באַגאַבטקײט קאָנ ניט זײַנ בײַ אַלע אַנ אויסנאַמ אײנע אונ די זעלבע. דאָ האָבנ מיר אַלערלײ גראַדאַציעס אָנהײבנ־דיק פֿונ אויסגעצײכנטע מוזיקאַלישע פֿײיִקײטנ אונ שעפֿערישער באַגאַבונג ביז גאָר־גאָר שװאַכע, אַסאַכ נידעריקער פֿונ מיטלמעסיקע מוזיקאַלישע פֿײיִקײטנ. אַלפֿאָלקישקײט פֿונ דער מוזיקאַלישער קונסט דאַרפֿ באַטײַטנ ניט דאַפֿקע די קונסט פֿונ דעמ װײניק פֿײיִקנ פֿאָלקס־מענטשנ נאָר פֿאַר־קערט, פֿונ דעמ סאַמע פֿײיִקנ, װײל ער איז אינ ברונט דער שעפֿער פֿונ דער פֿאָלקס־קונסט. אינ זײַנ שאַפֿונג באַנוצט אָבער אַפֿילע דער פֿײיִקסטער פֿאָלקס־קינסטלער בלויז יענע אויסדרוק־מיטלענ, װאָס זײַנענ אַלעמענ באַקאַנט, אַלעמענ צוטריטלעכ אונ נאָענט.

אָבער דאָ מוזנ מיר אָפּמערקנ אַז נאַציאָנאַלע גרענעצנ שפּילנ נאָכ לעסאַטע אַ גרויסע ראָל באַמ איבערנעמענ אָבער אַפֿילע בלויז באַמ באַנע־מענ מוזיקאַלישע פֿאָלקלאָר־שטיק. איבערנעמענ אַ געװײנלעכע ליד, װאָס עס זינגענ אַשטײגער פֿאָלקס־כאָרנ פֿונ אײניקע קאַװקאַזער פֿעלקער, װאָלט פֿאַר אַ מענטשנ װאָס אימ איז ניט באַקאַנט דער דאָזיקער סטיל, געװענ זײער אַ שװערע אונ אַמאָל אַנ אוממעגלעכע אויפֿגאַבע. פֿאַר די קאַװקאַזער פֿעלקער איז אַזאַ ליד ניט נאָר פֿאַרשטענדלעכ אונ עס װערט גרינג אויפֿגענומענ, נאָר כּמעט יעדער אײנער פֿונ די דאָזיקע פֿעלקער קאָנ אַזױ איבערנעמענ אַזעלכע לידער אונ מיטזינגענ מיטנ כאָר. דער, װאָס איז ניט באַקאַנט מיטנ ייִדישנ כאַזאָנישנ געזאַנג װעט עס לאַכטשיל־לע אויפֿנעמענ, װי אַ מינ אומפֿאַרשטענדלעכע גרײַגערײַ. עס װעט זיכ אימ אויסװײַזנ, אַז דער כאַזנ זינגט שאָנװײַז אײנע אונ די זעלבע מעלאָדיע אינ װעלכער ער טראָגט װילקירלעכ אַרײַנ פֿאַרשײדענע באַפּוצונגענ אונ

דרײדלעכ. דער ײדישער פאָלקס־מענטש, װאָס האָט פונ קינדװײז אָנ אײנ־
געזאָפּט אינ זיכ די נוסכאָעס פונ דער טפילע, װעט זײער גרינג באַנע־
מענ דאָס כאַזאָניש געזאַנג און קענענ עס צוגלידערנ אַפּ זײנע [illegible]
באַשטאַנד טײלנ. ער װעט ניט נאָר אױסשטאַנד זײנ נאָכגײנ נאָכ אַלע ענ־
דערונגענ פונ די נוסכאָעס, נאָר ער װעט באַמערקנ דאָס נײע, װאָס דער
קאָנקרעטער כאַזנ טראָגט אַרײנ אינ זײנ געזאַנג.

הײסט עס, אַז די צוטריטלעכקײט פונעם מוזיקאַלישנ פאָלקלאָר הענגט
אָפּ ניט נאָר פונ דער אײנפאַכקײט פונ די פאָלקס־מעלאָדיעס, נאָר פונ
דעם גראַד אײנגעבירגערטקײט זײערער, ריכטיקער געזאָגט פונ דעם גע־
הערינ מוזיקאַלישנ סטיל אײנגאַנצנ גענומענ. ריטועלע קאָמפּאָזירטע
מעלאָדיעס אָדער געזאַנגענ, װאָס זײנענ אָנגענומענ פונ דורעס און
יאָרהונדערטער, קאָנענ אַפּילע זײנ גאָר װײניק זינגעװדיק און דאָכ זײ־
נענ זײ צוטריטלעכ און אַ פאַרשטענדלעכ. פאַר דעם פאָלקס־מענטש. עס
איז געװוינ צו פאַרזופנ זיכ אַפּ די טראָפּנ מיט װעלכע מע לײענט די
טוירע. דאָס איז גאָר־גאָר אַנ אַלטע רעטשיטאַציע־סיסטעם, װאָס
האָט שוינ איצט אינ אַ גרױסער מאָס פאַרלױרנ איר אויסדריקלעכקײט.
די מעלאָדישע ליניע, װאָס באַקומט זיכ פונ די טראָפּנ, איז זײער װײ
פונ דער מוזיקאַלישער שפּראַכ פונ דער פאָלקס־קונסט. כמעט זי איז
שוינ אַפּ אױזיפיל װײט פונ דער איצטיקער מוזיקאַלישער שפּראַכ, אַז
עס איז נױטיק געװענ אַרײנפירנ אַ ספּעציעלנ שטודיום פונ די טראָ
פאַר אַלע קינדער, װאָס האָבנ געלערנט אינ די כאַדאָרימ, איז געװענ
אַ מוז־זאַכ אויסצולערנענ די מאָטיװנ פונ די טראָפּנ און אַלע פרײ־
טיק מאַכיר זײנ די געהעריקע סעדרע. פאַר אַלע איבעריקע אַלטע טפי
נוסכאָעס װאָס זײער מוזיקאַלישע שפּראַכ איז נעענטער צו דער איצטי־
קער מוזיקשפּראַכ, איז אַפּילע ניט נױטיק געװענ אַזױ „סעמינאַרי־
שער" פאַרשטודיום.

קורצ - די מוזיקאַלישע שפּראַכ פונעם מוזיק־פאָלקלאָר איז ניט
אַלע מאָל פרימיטיװ און אײנפאַכ. זי איז אָבער אַלע מאָל פאַרשטענדל
(אַלנפאַלס אינ די ראַמענ פונ אַ נאַציאָנאַלנ אָדער קאָנטישנ אײנ
װײל זי איז אינ אַ געװיסער מאָס די „מוזיקאַלישע מוטערשפּראַכ",

װעלכע דער פאָלקס־מענטש זאפט אײנ פונ קינדהײט אָנ. נאטירלעכ, אינ
דאָ קאָנענ אונ מוזנ זײנ פארשײדענע שאטירונגענ לויט דער סו־יזע־
קלאנסאָנגעהעריקײט אדגל. נים אלצ, װאָס איז נאָענט אײנ גרופּע
אָדער שיכט, איז אײנ דעם זעלבנ גראד נאָענט אונ פאָרשטענדלעכ אנ־
דערע גרופּעס אָדער שיכטנ.

---

2. דער געשטאַלטער וועג פון דעם ייִדישן [illegible]

ש. גינזבורג און פ. מאַרעק, די אַרויסגעבער פון דער ערשטער גרעסערער זאַמלונג פון ייִדישע פאָלקס-לידער, האָבן מיט רעכט אונטערגעשטראָכן, אַז די פאָלקס-ליד איז פונקט אַזוי אַלט, ווי די שפּראַך. ווען עס וועט באַשטימט ווערן די צייט, ווען די דייטשישע דיאַלעקטן, וואָס ייִדן האָבן איבערגענומען, האָבן אָנגעהויבן באַקומען די שטריכן פון ייִדיש, וועט דערמיט אַליין פעסטגעשטעלט ווערן די אַנשטייונג-צייט פון דעם ייִדישן פאָלקלאָר.

די דאָזיקע אַלגעמיינע האַנאָכע האָט דעמלט (אין 1901 יאָר) געקענט בלייבן בלויז ווי אַ סכעמע, וואָס האָט נאָך ניט קענען קאָנקרעטיזירט ווערן.

פאַר די לעצטע פאָר צענדליק יאָר האָבן די ייִדישע שפּראַך-און-ליטעראַטור-פאָרשער אָפּגעטאָן אַ גרויסע אַרבעט אַף צו דערלערנען דעם עלטערן פעריאָד און דעם ווייטערדיקן היסטאָרישן וועג פון ייִדיש און פון דער ליטעראַטור אַף ייִדיש. אַסאַך מאַטעריאַלן פון דער שפּראַך-און-ליטעראַטור-געשיכטע קאָנען אונדז דינען אויך פאַרן שטודיום פון דער געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלקלאָר.

די ייִדישע קולטור-היסטאָריקער, די שפּראַך-און-ליטעראַטור-פאָרשער האָבן זיך אויך באַמיט צו באַלויכטן די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן און דעם לעבנשטייגער פון די ייִדישע מאַסן אין אייראָפּע. אַפילע דער פאַרהעלטנסמעסיק קליינער מאַטעריאַל, וואָס איז די איצט אַרויסגעבראַכט, באַווייזט באַשיינפערלעך, אַז דאָס לעבן פון די ייִדן אין די פריערדיקע יאָרהונדערטער איז ניט געווען גייסטלעך אָרעם און איינזייטיק. ניט בלויז מיט רעליגיעזער ליטעראַטור האָט מען זיך דעמלט באַנוגנט. עס איז גענוג צו דערמאָנען די גלענצנדיקע שפּילמאַן-עפּאָכע אין דער ייִדישער ליטעראַטור (13-טער, ביזן סאָף 14-טן יאָרהונדערט) דעם פעריאָד פון „בירגערלעכן עפּאָס" (פון סאָף 14-טן ביזן סאָף 16-טן יאָרה), דעם ייִדישן פאָלקס-טעאַטער (סאָף 15-טער, אָנהייב 16-טער יאָרה) אאַז. אַז עס זאָלן פאַר אונדזערע אויגן אָפּשטיין עפּאָכעס און פעריאָדן פון רייכער וועלט-אַנשאַוונג. די ייִדישע מאַסע האָט געזוכט וועלטלעכע, גאַשמיעסדיקע פרייד פון לעבן

און איר פאַרקערפּערונג אין קונסטווערק. ס'קאָן קיין ספק ניט זיין אַז אויך די עלטערע פאָלקס־קונסט איז געשטאַנען אינעם ענגסטן קאָנ־טאַקט מיט דער ליטעראַטור, פון איר באַווירקט געוואָרן און אַליין אויף איר געווירקט.

ווי עס ווייזט אויס, זיינען אָבער די אַלע פאַקטן, וואָס באַלויכטן די דאָזיקע פראַגע, ניט נאָר ניט גענוג באַוווּסט געוואָרן די ברייטערע קרייזן ייִדיש־לייענער, נאָר זיי זיינען ניט דערגאַנגען אַפילו צו אייניקע פון די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פאָרשן באַזונדערע קולטור־דערשיינונ־גען אין דעם לעצטן פעריאָד פון דער געשיכטע פון ייִדן אין אייראָפּע, אָבער די פאַקטן האָבן די דאָזיקע פאָרשער ניט איבערצייגט. אַזוי, אַשטיי־גער, באַגעגענען מיר אין אַן אַרטיקל „כסידעס און נעגירונג" פון מ. אונגער אַזאַ שטעל:

„מיר קאָנען זיך איצט ניט פאָרשטעלן, ווי אַזוי דאָס ייִדישע פאָלק האָט אויסגעזען ביז כסידעס איז אויפגעקומען, ווי אַזוי האָט מען זיך אויסגעלעבט בײַ אַ כאַסענע, בריס און סימכע. מיר ווייסן נאָר, אַז פאַרן אויפקום פון כסידעס זיינען די ייִדן טאַמעד אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגטע און מאַרמאַרעשכווירעטע. שאַבעס זיינען זיי געזעסן בײַ זיך אין שטוב. אַ לערנער האָט געלערנט אַ בלאַט גמאָרע, אַ פּראָסטער ייִד – אַ פּערעק מישנייעס, און אַ באַלמעלאָכע האָט „געריבן" אַ קאַפּיטל טילים".(1

אויב עס קאָן טרעפן, אַז אַ ייִדישער פאָרשער זאָל איצט (אינעם 1946 יאָר) נעמען אַזוי אייניזייטיק שילדערן דאָס לעבן פון די ייִדישע מאַסן ביזן 18־טן יאָרהונדערט, דאַרפן מיר ניט מיד ווערן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערכאַזערן אַפילו בלויז יענע פאַקטן וועגן דעם קולטור־שטייגער פון די ייִדן אין אייראָפּע, וואָס זיינען ביז איצט שוין אונדז באַוווּסט, און מיט נאָך מער ענערגיע זוכן נייע מאַטעריאַלן, וואָס קאָנען העלפן אונדז נאָך ריכטיקער צו באַלויכטן די דאָזיקע פראַגע.

איך וויל דאָ ניט באַשטרייטן אונגערס האַנאָכע, אַז דער כאַסידיזם האָט זייער פיל מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער פאָלקס־

---

1) זש. „ייִדישע קולטור" ניו־יאָרק, נום. 6, יוני 1946, ז 56

מוזיק. דער כסידישער שטייגער איז פול געווען מיט געזאנג, און די פ
פילפיל הונדערטער ניגונים, וואס זיינען געשאפן און געזונגען גע-
ווארן, האבן פאר אונדז א גרויסע ווערט. אבער אויך די כסידישע נע-
גינע איז ניט ריכטיק צו באטראכטן בלויז, ווי א רעליגיעז-מיסטישן
געזאנג. וועגן דעם וועלן מיר רעדן שפעטער. דא ווילן מיר באשטרייכן
די באהויפטונג, אז פארן אפקום פונעם כאסידיזם זיינען די יידן
ארומגעגאנגען פארזארגטע און פארכוישערטע און בלויז א בלאט געמארע
א פערעק מישנייעס, אדער א קאפיטל תילים איז געווען זייער גייסטלעכע
שפייז.

מיר וועלן דא ברענגען בלויז עטלעכע ביישפילן, וואס ווייזן, אז דאס
לעבן פון די יידישע מאסן האט מען ניט געקאנט איינצאמען בלויז אין
די רעליגיעזע דאלעדאמעס. אליין די ראבאנים און פירער פון די קהיל
לעס האבן געמוזט נאכגעבן אין דער הינזיכט.

אין דעם „ספר חסידים קטן" (געשריבן בערעך איינעם יאר 1478
באגעגענען מיר אזא שטעל:

„היט זיך ווייל דו קאנסט ניט לוסטיק זיין אף דער וועלט ניט צו דער
צייט, סיידן כאנעקע און פורים זאלסטו פרייען זיך פון גאנס וועגן."[1]
עמעס, דא זעען מיר ניט אין וואסערע פארמעס עס האט זיך אויסגע-
דריקט די פרייד. פון אנדערע קוועלן דערוויסן מיר זיך, אז אף באסעגעס
בריסן און סימכעס האט מען געדזליעט, געטאנצט און געזונגען א סאך
פרייער איידער דער כאסידיזם איז אנטשטאנען. אין א קסאוויאד, וואס
איז דאטירט מיט 1504 יאר (געפינט זיך אין דער אוניווערסיטעט-
ביבליאטעק אין קעמברידזש -ענגלאנד) ווערן אסאך קאנקרעטער באשריבן
יידישע באסמנע-מינהאגים און פארוויילונג-פארמעס (באציט זיך צום
סאף, מסטאמע אויך צו דער צווייטער העלפט, 15-טן און אנהייב 16-טן
יארה).

זעכט דריף אינער ברוילפט ווען מאו רזפט צו ווערטן.
ווי גערן ניוואך זי זיך גישעפטיק דעבטין. [illegible] א

---

1) נידערמאן - יידישע קולטור-געשיכטע, ז. 141.

זאָל שײַן זי אַל דאָ הער אום די ברויט.
איר אײַנש מײל זינגען איר גאָר לויט.
די אלר הויפּשטן כלה לידר
די זײַנט געווען בון פּסוקים אויש דעם שידר(1) אאַל
השמט עס, - א מײל פרויען האָבן אָפ א הויכן קאָל געזונגען די
שענסטע קאָלע-לידער. אָבער נישט נאָר מיט געזאַנג אַלײן האָבן זיך די
געסט באַוונגט. מיר לײענען װײטער:

צו דעם מצוה טאַנץ אונ' מורגנש צו דער מײא
זו האָבן זי וריד אונ' מענכרלײא
זאָ קרײכן הער באר די אלטן ורויאן אז די און מײַן
האַנמײַסן - מזרעשקעס)
שפּרינגאן אונ' הופּן אז די גײַשן (פידלן)
זי קומן דא הער אין אירן קורזן (פּעלצן) זיט אויף
דען גלאַנק(?)
אונ' טאַנצן אַף דען מצוה טאַנץ
זי זײַנט אָף אנדר גישפּאַנט.
(2
די כלה בורן זי אויך בעײ דער האַנט.

ווי מיר זעען, האָבן די פרויען אונ אַפילע די אלטע װײַבער נישט
אײַן אצװעש פאַרבראַכט די צײַט אַף דער חתונה: זײ האָבן געטאַנצט,
געשפּרונגען, ווי ציגן, געקראָכן, ווי מורעשקעס אונ זיך געפרײַט
מיט דער קאַלע. קורץ - מע האָט געהוליעט, געזונגען, געטאַנצט אונ
װײַזט אויס, אז צורר קלעזמער האָבן אויך נישט געפעלט.

מוישע הענוכש - דער מעכאַבער פון דעם „בראַנטשפּיל" (די ערשטע צו
אונדז דערגאַנגענע אויסגאַבע איז דערשינען אין באַזעל אין 1602
יאָר), דעם ענציקלאָפּעדישן האַנטבוך, װאָס נעמט ארום קימאַט אלע פאַלן
פון עם אײַנפאַכן לעבן פון דער דעמאָלטיקער יידישער פרוי, קלאָגט זיך אַז
עס פאַלן די זיטן: די װײַבער מישן זיך אויס מיט די מענער אף גאַסן
אונ אַף סודעס, צי זײַנען דאָס פרײַנט אָדער נישט. יונגע װײַבלעך
טוען אָן שײנע קלײדער, זילבער, גאָלד אונ פערל, װי פאַרצײַטן מײדלעך,
זײ גלאָצן די מענער אין פּנים אונ טאַנצן, אונ די מײדלעך קאָנען צין-
ליב זײ נישט טאַנצן. זײ ברענגען מיט קלײנע קינדער אונ לערנען זײ
אזעלכע זאכן פון קלײנװײַזן. (1

1) מ. עריק. די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור; 293-292

דער צווייטער פּאָפּולערער בוך פון יענער צייט דער „ספר לב טוב" (דערשינען אין 1620) פאָדערט פון די פרויען אויסמיידן דאָס זינגען דאָס רײדן הויך, דאָס זיצן אין גאַס.[1]

לייב בר' מוישע חזן וסופר, דער אויטאָר פונעם לידער-בוך „שירי יהודה" (1697) קלאָגט זיך אין זיין פאָרוואָרט אף די פאַרדאָרבענע מידעס פון זיינע דאָר-לייט:

איך האָב אין פיל אורטין געזעהן,
וואָס אויף סעודות און חתונות טוט געשעהן...
איז איין חתונה דאָ לויפן זיא הכל נאָך דעם עסין צום טאַנץ
דעריבער איז פר שטערט די סעודה מצוה בלד גנץ.
עס בלייבן גאָר ווייניג זיצן אם טיש,
זיא לויפן ארום אז איין וואשיר די פיש.
אונ' ווען זיא ווידר קומן צו דר דרשה
דאָ איז איין גרושה מהומה, צו מאכין שווייגן העלפט קיין בקשה...
זיא שפּילן דר וויל מיט די בחולות דיא בייא דר כלה זיצן[2]
אונ' טוען זאכין דיא ניט פיל נוצן...

פון אָנהייב 18-טן יאָרה. האָבן מיר אַזאַ שטייגער-בילד געשילדערט פונעם פרומען עלכאָנען קירכהאַן, דעם מחבר פון דער לידער-זאַמלונג „שמחת הנפש" 2-טע טייל (פירדא 1727):

ווען איין למדן דרשנה הן דבר גדול או קטן
איז מעשה שטן
לוזט אין זיא קיין דבר קדושה קומן
חיכף ווערין זיא שלופן אודר שלומין.
מעניך מאל טונן זיא שטיפן אונ' ראמורין
אונ' נשים ובתולות איר קולות לוזין הערין ווי די הורין

---

1) מ. עריק. די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור ז. 269.
2) ציטירט לויט אלעזר שולמאַן, — שפת יהודית-אשכנזית וספרותה. מקץ המאה הט"ו עד קץ שנות המאה הי"ח. יצא לאורה... בהשגחת י.ח. טביב. ריגא, תרע"ג. ז. 204.

און לוזין זיך ניט אפווערין
דש מן מיטן אין דער דרשה מוז אויף הערין
ווען די דרשה איז פר בייא
קומן ווידר די חוצפא לידר ארבייא
מונין יוחצין און שאלין און זינגין
מיט הענד און פיס מונין קלאפין און אויף דעם טיש
שפרינגן. 31 (1

מיר וואלטן געקאנט ברענגען אדער אנווייזן אסאך א גרעסערן מא-טעריאל פון פארשיידענע קוועלן, וו מיר האבן קלארע אנווייזונגען אף די פארשידנסטע פארוויילונג-פארמעס, וואס זיינען געווען פאר-שפרייט בא יידן אין אייראפע אין משך פון לעצטע פיר-פינף יאר-הונדערטער. רבנים, מגידים און פרומע יידן זיינען ניט געווען צופרידן מיט די "חוצפא-לידער", ווי קירכהאן כאראקטעריזירט זיי, וואס דער פאלקס-מענטש און אפילע פרויען און מיידלעך "מונין יוחצן און שאלן און זינגען", דערביי קלאפן זיי מיט די הענט און מיט די פיס און שפרינגען אף די טישן. דער לעבנס-לוסט פון די פאלקס-מאסן איז געווען אזוי גרינג צו צוימען אפילע אין דער ערשטער העלפט פון 18-טן יארהונדערט, אין א צייט, ווען עס האט אין דער ליטעראטור (יידישע) קימאט אויסשליסלעך געהערשט דער פרומער ספער פון מוסער און דידאקטיק. בלויז אין פאלקסלידער, אין קונסט ווערק, וואס זיינען געגאנגען פון מויל צו מויל, האט דעמלט געלעבט א פונק פון וועלטלעכקייט. דא האט דער פאלקס-מענטש, דער הארעפאשניק געפונען דעם אויסדרוק פאר זיינע עמאציעס און איבערלעבונגען פון זיינע פריידן און ליידן, פאר זיין ערדישער לעבנס-דורשט און לעבנס-לוסט. בא דער ערשטער בעסטער מעגלעכקייט האט מען געזונגען, מע האט גע-

1) זע "שמחת הנפש" יידישע לידער מיט נאטן פון אלחנן קירכהאן פאטאגראפישער איבערדרוק פון דער ערשטער און איינציקער אויסגאבע וועלכע איז דערשינען אין פערדא אין יאר 1727. מיט א קולטור-היסטא-רישן אריינפיר פון דר יעקב שאצקי, מאקס נ. מייזעל, ייד. פארלאג פאר ליטעראטור און וויסנשאפט. ניו-יארק 1926. זע די ליד:
אלי טאג טוא דש גזאנג זינגין
דען גאטש דינגט ניש פר אלי דינגן. ז. 16-2; 4 -3

טאַנצט, מע האָט זיך געקוויקט מיט אַ שאַרף און געפֿעפֿערט וואָרט, מיט אַ ווייציקן אויסדרוק, מיט אַ שטיפֿערישן איינפֿאַל.

דאָס לעבן פֿון די מאַסן און די פֿאָלקס-קונסט איז געווען גאָרניט אויסדאַיינזייטיק און איינטאָניק. דער ייִדישער פֿאָלקס-מענטש איז ניט אַלע מאָל אַרומגעגאַנגען פֿאַרזאָרגט און פֿאַרמאַרעשטשירעט. דערביי מוזן מיר נאָך געדענקען די ראָל פֿון די עלטערע ייִדישע באַדחנים-לייט, פֿון די שפּילמענער, לייצים, נאַרן, פֿריילעכע ייִדן, מאַרשאַלקעס, קלעזמער, וואַנדערנדיקע כאַזאַנים און מעשוירערים, פּורים-שפּילער אאַז, אאַז. אויך אַט די פֿאָלקס-קינסטלער האָבן אַלע מאָל געשפּילט אַז זיך די אומצופֿרידנקייט פֿון די ראַבאָנים און פּרייִדיקער. זיי האָבן אָבער געטריי געטראָגן די קונסט אין די מאַסן.

די האַנט-געשריבענע זאַמלונג פֿון פֿאָלקס-לידער, וואָס אײַזיק וואַלך האָט צונויפֿגעשטעלט אין סאָף 16-טן יאָרהונדערט און וואָס האָט זיך איינגעהיט ביז אונדזערע צייטן (געפֿינט זיך אין אָקספֿאָרד) (די פֿאָלקלאָר מאַטעריאַלן, וואָס זיינען פֿאַרשריבן געוואָרן זינט דעם לעצטן פֿערטל פֿונעם/~~///~~/ פֿאַריקן יאָרהונדערט, די צייט, ווען מע האָט צוערשט גענומען מער-ווייניקער סיסטעמאַטיש זאַמלען דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר -- דאָס איז דאָס גרונטיקע, וואָס מיר פֿאַרמאָגן ביז איצט פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר-אוצר. פֿון דעם דאָזיקן מאַטעריאַל קאָנען מיר באַקומען ניט בלויז די פֿאָרשטעלונג וועגן דער ייִדישער פֿאָלקס-קונסט אין יעדערער פֿון די דאָזיקע צוויי ווייט אָפּשטייענדיקע עפּאָכעס, נאָר אויך דעם היסטאָרישן וועג, וואָס דער פֿאָלקלאָר האָט דורכגעמאַכט פֿאַר דער גאַנצער צייט. די צווייטע אויפֿגאַבע איז גאָר-גאָר אַ שווערע, אָבער ניט קיין אומעגלעכע. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָ גייט די ריד ניט וועגן אָפּשטעלן דעם גאַנצן קאָנקרעטן לידער-רעפּערטואַר פֿון אַלע יאָרהונדערטער. עס גייט די ריד בלויז וועגן די גרונט-ליניעס פֿון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג.(1)

---

1) אַנדערפֿנדיק ~~[illegible]~~ אײַזיק וואַלכס זאַמלונג האָב איך דאָ אין זינען בלויז דעם פֿאָלקלאָרישן לידער-רעפּערטואַר. דעם ייִדישן פֿאָלקס-טעאַטער האָט אַבי מאָל מער אָפּגעגליקט אין הינזיכט פֿון איינהייטן עלטערע מאַטעריאַלן. בוץ די צוויי קליינע פּורים-פֿאַרסן, וואָס מיר טרעפֿן אין וואַלכס זאַמלונג האָבן מיר נאָך אַנדערע קאָמאָדן פֿון אַן אַכאַשווייר-שפּיל (1697) און געדרוקטע אויסגאַבעס פֿון 18-טן, 19-טן און 20-טן יאָרה. דאָ ריד איך בלויז וועגן פֿאָלקס-אויסגאַבעס, די אַ.נ. קאָפּיקע-ביכלעך און ניט וועגן פּובליקאַציעס פֿון

אָט נעמען מיר, אַשטײגער, אַזאַ פּראָגע. אין די פֿאָלקלאָר-מאַטעריאַל
װאָס זײַנען אױפֿגעזאַמלט געװאָרן אין סאַמע 19-טן יאָרהונדערט פֿאַר-
נעמט די ליבע-ליד (פֿון פֿאַרשידענעם כאַראַקטער — לירישע, באַלאַדע א.))
אײנעם פֿון די אָנגעזעענסטע ערטער סײַ לױט דער צאָל און סײַ לױט
דער אײכעס. פֿאַר די פֿאָרשער פֿונעם ײדישן פֿאָלקלאָר איז דאָס געװען
אַן אומפֿאַרשטענדלעכע דערשײַנונג. פֿאַר דעם שטײגער-לעבן פֿון די
ײדישע מאַסן אין מיזרעח-אײראָפּע, װי זײ האָבן עס באַטראַכט, האָט די
ליבע-ליד ביכלל קײן אָרט ניט געקאָנט האָבן. די גוזמישע צאָל ליבע
לידער, װאָס די ײדישע מאַסן האָבן געזונגען איז דאָך אָבער געװען
אַ פֿאַקט, װאָס מע האָט אים ניט געקאָנט פֿאַרשװײַגן. האָבן די ליטעראַ-
טור-און פֿאָלקלאָר-פֿאָרשער (װינער, גינזבורג-מאַרעק און נאָך זײ נאָ
אַנדערע) אַרױסגעשטעלט די האַנאָכע, אַז די ײדישע ליבע-לידער האָבן
געקאָנט אַנטשטײן ערשט אין דער צװײטער העלפֿט פֿון דעם 19-טן יאָר-
הונדערט, אונטער דער װירקונג פֿון די נײַע געזעלשאַפֿטלעכע אידײ-
ען, װאָס האָבן באַװירקט די ײדישע מאַסן (דעריקער האַסקאָלע).

י.ל. קאַהאַן, דער פֿאַרשטאָרבענער ײדיש-אַמעריקאַנישער פֿאָלקלאָריסט,
האָט די גרױסע פֿאַרדינסטן, װאָס ער האָט גרונטלעך קריטיקירט גינז-
בורג-מאַרעקס האַנאָכע װעגן דער אַנשטײונג-צײַט פֿון די ײדישע ליבע-
לידער און האָט ריכטיק דערװיזן, אַז שױן אין 16-טן יאָה. האָבן
ײדן געזונגען ליבע-לידער.

אײַזיק װאַלכס לידער-זאַמלונג צײלט 55 לידער. די דאָזיקע קלײ-
נע צאָל שעפּט זיכער ניט אױס דעם דעמאָלטיקן לידער-רעפּערטואַר. װיכ-
טיק איז אָבער דאָס, װאָס די לידער זײַנען פֿאַרשידנאַרטיקע. דאָ האָבן
מיר לירישע ליבע-לידער, טאַנץ-לידער, כאָפּן-קאַלע לידער, סאַטיריש-
ע לידער, פֿרײלעכע פּורים-לידער, גוזמאָס און ליגן-לידער, עלע-
נישע לידער און אַפֿילו אַן עראָטיש-אױסגעלאַסענעם פּאַמפֿלעט. אָבער
אַלײן דאָס, װאָס בײַ װאַלכן זײַנען פֿאַראַן ליבע-לידער, װאָס ײדן
האָבן געזונגען אינעם 16-טן יאָרהונדערט, זאָגט נאָך גאָרניט צו דעם,
אַז אַזעלכע לידער האָט מען געזונגען אױך אין דעם 17-טן און אין
דעם 18-טן יאָרה. מיר װײסן, אַז אַסך פֿרישע קװאַלן, װאָס האָבן

געשטראָמט אין דער ייִדישער ליטעראַטור נאָך אינעם 16-טן יאָרהונדערט, זײַנען אַזוי ווי אויסגעטריקנט געוואָרן אינעם 17-טן און אין דער ערשטער העלפט 18-טן יאָרהונדערט, אין דעם פּעריאָד, ווען עס האָט געהערשט בלויז די ליטעראַטור פון מוסר און דידאַקטיק. ערשט פון סאָף 18-טן יאָרהונדערט הויבט אָן די ייִדישע ליטעראַטור ווידער צו עטעמען מיט פריִער און פרישער לופט. צי האָט דאָס זעלבע עפּעס אויך געטראָפן מיט דער פאָלק סקונסט: די וועלטלעכע און ערבעט מאָטיוון פון דער פאָלקס-ליד פון 16-טן יאָהונדערט אויך דאָ ניט אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער פרומער ליד?

דער אָנגריף אַף די „בוצפּע-לידער", ווי קירכהאַן האָט אָנגערופן די פאָלקס-לידער, איז טאַקע געווען זייער גרויס. ניט נאָר מיט שטראָף-רייד איז מען קעגן זיי אַרויסגעטראָטן, נאָר מע האָט זיך באַמיט צו שאַפן לידער, וואָס

... פיל דינים פון אַלי טאָג און' שבחות וימים טובים זײַנען דרינען גמעלט
און' וואָל נאָך גזאַנג און גריים גשטעלט.
אַך גשטעלט די מוזיק, צו מאַכן בקאַנד
דורך אַרפאַרינג ביא איינים מוזיקאַנד
דען רעכטן ניגון.(1)

האָסט עס, אַז מע האָט ספּעציעל געשאַפן לידער, באַשטעלט בײַ אַ מוזיקער צו שאַפן (פֿאַר צופּאַסן פאַר זיי) מעלאָדיעס און דערמיט געהאַט אַרויסצושטויסן די פאָלקס-לידער. איז פאַר אונדז ווײַכטיק אויסצוקלאָרן: צי ס'זײַנען פאַראַן וואַסערע ס'ניט איז פעדעם, וואָס פאַרבינדן די אײַנציקע ייִדישע פאָלקס-ליד (ריכטיקער: די פאָלקס-ליד, וואָס איז אונדז באַקאַנט פאַר די לעצטע פופציק יאָר) מיט די ליבע-לידער פון אײַזיק וואַלדכם זאַמלונג?

יאָ, אַזעלכע איז פאַראַן.

---

1) פון דער הקדמה צו די לידער פון על. קירכהאַנס פריִער דערמאָנטער זאַמלונג „שמחת הנפש" 2-טע טייל.

אין וואלזכס זאמלונג טרעפן מיר אזא ליד:

[1] אייא ווארום ווילסטו היין וועקיין ציהן
מיין הערץ מיין איינינגש טרושט:
און ווען ווילסטו ווידר הער קומן
אונ' דש דו מיך ערלויזט:

[2] רעכט מיטן אין דעם מייאן
ווען אל דש בליען טוט:
ווען זיך דיא שונין וולד פייגליין
ערמייאין מיט אנדרי טיבליך גוט.

[3] און ווען איך שיר ווידר הער קומן
וש העלפט עש אבר דיך
ליב וויל איך הבין
אבר נעמין וועל איך דיך ניכט.

[4] אך, מיידלן ווילשטו פרייאין
זוא הר מיינר נאך איין יאר,
קומט מיר קיין אנדרי אין מיינן זין
זא נעם איך דיך עק (?) פאר וואר:

[5] איין יאר וועל איך ווארטין
איין יאר גיט בלד באר היין:
אויב דיר קיין אנדרי מעכט
קומן אין דיינם זין (1.

אין א ליבע-ליד, וואָס געפינט זיך אין גינזבורג-מארעק׳ס זאמ-לונג (נום. 178) באגעגנען מיר ביז גאָר נאָענטע פאראלעלן צו די סטראָפעס 1 און באזונדערס פון דער סטר 3.

---

1) לויט א פאָטאָ-קאָפּיע פון וואלזכס זאמלונג, וואָס געפינט זיך אינעם שטיף-ארכיוו פון קאבינעט פאר יידישער קולטור בא דער ווים-שאפט-אקאדעמיע פון אוסטר (קיעוו)

צו סטר. 1. אוי, עלנט בין איך ~~[illegible]~~ געבליבן,
אוי, עלנט, אזוי ווי א שטיין...
בעטן בעט איך דיר, מיין טייער לעבן,
קומען זאלסטו צו מיר צוגיין.

צו סטר. 3. קומען וועל איך צו דיר קומען,
נאר טרייסטן קאן איך דיך נישט.
ליבן ליב איך דיך געזונט פון הארצן,
נאר נעמען דושינקע, קאנען מיר זיך ניט.[1]

אויף דעם [illegible] פון די [illegible] פאלקס-ליד [illegible]

1) ~~בערעס~~ האט אנגעוויזן י. צינבערג אין זיין בוך „געשיכטע פון ליטעראטור בא יידן. ב. 6, ז. 107.
אגעוו, וועלן מיר באמערקן, אז דער מאטיוו פון דער סטראפע 4 (דער באַבער הייסט דער מיידל ווארטן אף אים נאך איין יאר און פון סטר. 5. דאס מיידל איז גרייט אף אים צו ווארטן, באגעגענען מיר אויך אין די פאלקס-לידער פון אונדזער צייט:

[illegible]: — זאג מיר צו, אז דו וועסט מיך נעמען,
ווארטן וועל איך אף דיר צוויי-דריי יאר.

— צוויי-דריי יאר וועל אהב אף דיר ווארטן,
אפילע פינף יאר איז אויך קעדיי.
(קיפניס ז. 27, II)

אדער: שווערן שווער איך דיר בא גאט און מענטשן,
אז ווארטן וועל אהב אף דיר צוויי-דריי יאר.
(אונדזער פאלקלאר-ארכיוו, 1/V/1 A 62/1)

און אויך אזוי:

נאר ניעוושעלי ביסטו אזא מיין מיידל,
זאלסט אף מיר ניט ווארטן א יאר דריי. אוי, אוי, אוי.

-דריי יאר וועל איך אף דיר ווארטן
אפילע צען איז אויך קעדיי...
(בערעגאווסקי, פעפער. יד. פאלקס-לידער ז. 118)

די נאָענטקייט צווישן די געבראַכטע סטראָפעס פון דער פאָלקס-ליד א
און די געהעריקע סטראָפעס פון דער ליד פון אייזיק וואַלבס זאַמלונג
איז אַזוי פיל אָנזיכטיק און עס איז ניט נייטיק קיין באַזונדערע
אַנאַליזן און דערקלערונגען.

איך האַלט, אַז ווען אפילו מיר וואָלטן האָבן בלויז אָט דעם איינציקן
ביישפּיל, ווען סטראָפעס פון אַ היינטצייטיקער ליבע-ליד ווייזן ארויס
אַזאַ איבעראַשנדיקע נאָענטקייט צו סטראָפעס פון אַ ליבע-ליד פון
16-טן יאָהונדערט, וואָס איז געווען אין דעם יידישן פאָלקלאָר-רעפּער-
טואַר, וואָלטן מיר שוין געקאָנט קאַטעגאָריש באַשליסן, אַז די פאָלקלאָרישע
ליבע-לידער צו לעבן אין דעם יידישן שטייגער אין משך פון אַלע
שפּעטערדיקע יאָהונדערטער. נאַטירלעך, דערפון קאָנען מיר מאַכן אויך
דעם אויספיר, אַז אין וואַלבס צייטן איז זי אויך צום ערשטן מאָל אָנגע-
גענומען געוואָרן. די געהעריקע סטראָפעס האָבן געקאָנט צו אונדז דער-
גיין ~~צו אונדז~~ ניט אַלפּי-צופאַל, נאָר אין אַ לעבעדיקן שטראָם פון דער
פאָלקס-קונסט. דאָס איז אָבער ניט די איינציקע סטראָפעס, וואָס ~~מיר~~ האָבן
זיך איינגעהיט.

אָט נעמען מיר, אַשטייגער, אַזאַ פאָלקס-ליד:

1. עפּעלעך און בארעלעך,
ווי ביטער זיינען די קערעלעך,
א' דער אלמען נעמט דאָס מיידל
באַגייסט זי זיך מיט די טרערעלעך.

2. א גוטער ווינ נ'א שלערטן פאַס
הייבט ער אָן צו זיירן,
א' דער אלמען נעמט די מיידל
הייבט זי אָנטהויערן.

3. אז די עפּעלע איז רויט,
א ווערעמל דערינען.
א' דער אלמען נעמט די מיידל
ווערט ער פאַלש אין זיינען.

די דאָזיקע ליד האָב איך פאַרשריבן אין קיִעוו אין 1929 יאָר פון אַן עלטערער פרוי בענקינע פרומע, וואָס שטאַמט פון סטאַראָדוב, [illegible] III-II [illegible] 793 [illegible] טשערניגאָווער געגנט. וואַריאַנטן צו באַזונדערע סטראָפעס טרעפן מיר אין פאַרשיידענע לידער בײַ גינזבורג-מאַרעקן:

אַזוי צו סטראָפע 2 האָבן מיר דאָרט אַזאַ וואַריאַנט:

גוטער ביר אין אַ שלעכטער טון
הויבט דאָך אָן צו זויערן.
אַז די מיידל נעמט דעם אַלמען
פאַרברענגט זי איר לעבן אין טרויערן.

(ג.-מ. נומ. 283, קאָוונער גוב)

צו דער סטראָפע 3:

ווי די עפּעלע איז שיין און פיין
איז אַ וואָרעם אינדערינען.
וועלכע מיידעלע עס נעמט אַן אַלמען
האָט זי אַ פאַלשן זינען.

(ג.-מ. נומ. 284, ווילנע)

און אויך אַזאַ וואַריאַנט:

ס'איז גאָר ניטאָ קיין עפּעלע
וואָס זאָל ניט זיין קיין וואָרעם דרינען.
ס'איז גאָר ניטאָ קיין אויספערזאָן,
וואָס זאָל ניט האָבן קיין פאַלשן זינען.

(ג.-מ. נומ. 80, קאָוונער גוב)

אפן ערשטן בליק פאַרמאָגט די דאָזיקע ליד ניט קיין באַזונדערע שטריכן, וואָס זאָלן אונדז צווינגען צו פאַרטראַכטן זיך אף דער פראַגע וועגן איר אַנטשטייונג-צייט. די שפּראַך פון דער ליד האָט ניט קיינע אַרכאַישע עלעמענטן, קיין ספּעציפישע שטיינער-שטריכן פון עלטערע צייט פאַרמאָגט זי אויך ניט. וועגן אָט דער ליד, ווי וועגן אַסאַך אַנדערע ענלעכע באַשליסן מיר זייער גרינג, אַז דאָס זאָל זיין אַ ליד פונעם 19-טן יאָרהונדערט. דער ווידערן קעגן דעם און אַנרופט אַן אַנדער

צייט, ווען די דאָזיקע ליד האָט געקאָנט אַנטשטיין קאָנען מיר ניט — מיר האָבן ניט קיינע אָנשפּאַר-פּונקטן דערצו.

עפּעס אַנדערש, ווען עס גייט זיך איין צו געפינען צו דער גאַנצער ליד אָדער צו באַזונדערע סטראָפעס פּאַראַלעלן אין די עלטערער לידער. צו דער דריטער סטראָפע געפינען מיר אין א ליד-טאַקע פון וואָלזכס זאַמלונג אַזאַ פּאַראַלעל:

עס איזט קיין אַפּיל זאַ רוזין רוט.
עס שטעקט איין וואָרים דריין.
עס איזט קיין מיידלן. זאָ היפּש און פיין
עס פירט אין פאַלשן זין.

צי קאָן זיין באַ אונדז א מינסטער ספעק אין דעם, אַז די דאָזיקע סטראָפע לעבט נאָר אין דער יידישער פאָלקס-ליד פון אַלטע צייטן?

קיינער פון די ליטעראַטור-פאָרשער פרעגט ניט אָפּ פ. ראָזנבערגס האַנבאַע ~~[illegible]~~, אַז די גרעסטע צאָל לידער פון וואָלזכס זאַמלונג, באַזונדער די ליריש ליבע-לידער אָדגל. זיינען דייטשישע פאָלקס-לידער (1) וואָס יידן האָבן איבערגענומען.

ווען איז די שפּראַך פון די פאָלקס-לידער, וואָס יידן האָבן געזונגען געוואָרן יידיש, דאָס איז א פראַגע, וואָס איז ביז איצט אַבלוטן ניט אָנגערירט. מע דאַרף רעכענען, אַז גראָד די פאָלקס-ליד האָט געקאָנט איינ-היטן די דייטשע שפּראַך אַסאַך לענגער איידער אַנדערע ליטעראַרישע זשאַנרען. פאַר אונדז איז דאָ אָבער וויכטיק צו מאַכן אין אַנדער אויספיר. וואַליך האָט אין זיין לידער-זאַמלונג פאַרשריבן 55 לידער. קלאָר, אַז מיט דער דאָזיקער צאָל שעפּט זיך ווייט ניט אויס דער רעפּערטואַר פון יענער צייט. הייסט עס, אַז ניט בלויז מיט וואַלזכס זאַמלונג קאָנען מיר זיך באַגרענעצן. מיר מוזן זוכן פּאַראַלעלן צו יידישע לידער אויך אין אַנדערע דייטשישע לידער-זאַמלונגען פון יענער צייט. וואַלזכס

(1 זע אויך: י. צינבערג ב.6. ז"ז 104-109; עריק - געשיכטע פון יד. ליטעראַטור ז. ווײַנרײַך - בילדער ז.

זאַמלונג באַשטעטיקט אונדז די השערה, וואָס מע וואָלט געקאָנט מאַכן פֿון זײַן זאַמלונג זאָל ניט זײַן. דערהײַנט: אויב מיר געפֿינען נאָענטע פּאַראַלעלן אין דער (יידישער און אין דער דײַטשישער עלטערער פֿאָלקסליד, קענען מיר אָפּ זיכער באַשליסן, אַז יידן האָבן די דאָזיקע ליד איבער-גענומען אין די 16 עלטערע צײַטן און אײַנגעהיט ביז איצט. צו די סטראָפֿעס 2 און 3 פֿון דער נאָרוואַס געבראַכטער ליד „עפּעלע און באַרעלע" געפֿינען מיר אין אַ דײַטשישער פֿאָלקס-ליד פֿונעם 16-טן יאָרה. זייער נאָענטע סטראָפֿעס:

8. Wenn der best Wein in alten Faß wär,
Darin müßt er ersauren;
So wenn ein jungs Maidlein ein alten Mann nimmt
Ihr junges Herz muß trauren.

. . . .

11. Und wär der Apfel noch so roth,
So findt man ein Würmlein drinnen;
So welch Jungfraulein säuberlich sein,
Die können viel falscher sinnen.[1]

ניט נאָר דער אינהאַלט, נאָר פֿאָרם (רעטאָלן) פֿון די פּאָעטישע אויסדרוק-מיטלען (די שורערדיקע סטראָפֿע אײנע און די זעלבע גראַמען בא דער צווײ-טער און פֿערטער שורע, ~~פֿאָרמעלע-יידישער פּאַראַלעלזם~~ אא), נאָר טעקסטועל פֿאַלן די דאָזיקע סטראָפֿעס צונויף קימאַט וואָרט אין וואָרט מיט די אנשפּרעכיקע סטראָפֿעס אין דער יידישער ליד, וואָס ווערט נאָך געזונגען אין אונדזערע צײַטן. ניט מער, דער אַלטער מאַן אין דער דײַטשישער ליד איז אין דער יידישער פֿאַרביטן אויף דעם אַלמען. דאָס איז אַ קלײניקייט, מע קען אָבער דערלאָזן, אַז אויב אײנעם יידישן פֿאָלקס-רעפּערטואַר זײַנען געווען וואַריאַנטן טאַקע מיט דעם אַלטן מאַן.

שוין אַלפֿרעד ל אַנדוי, אין זײַן רעצענזיע אויף ש. גינצבורג און פּ. מאַרעקס ליד-ער-זאַמלונג, האָט צווישן אַנדערן אָנגעוויזן, אַז צו דער סטראָפֿע מיטן עפּעלע זײַנען פֿאַראַן אַ סך פּאַראַלעלן אין דײַטשישע פֿאָלקס-לידער. ער גיט אָן די נומערן 495, 537 און 679 פֿון דער אויבן-

דערמאנטער ערק-בעהמעס לידער-זאמלונג און אויך פון אנדערע זאמלונגען.

לאנדוי האט אבער אנגעוויזן גינזבורג-מארעקס האנזאכע, ~~דעם~~ אז די יידישע ליבע-לידער זיינען אנשטאנען ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 19-טן יארהונדערט. דעריבער, מיסטאמע, האט ער ניט באמערקט אז די ליד נום. 495 פון ערק-בעמעס לידער-זאמלונג איז איבערגעדרוקט פון א פלוג-בלאט ארום 1590.

דארט 6 לייענט זיך די סטראפע אזוי:

7. Der Apfel ist rosenroth,
Es steckt ein Wurm darin:
Die Meidlein die sein hübsch und fein,
Sie führen ein falschen Sinn.

ערק-בעהמע באמערקן, אז דער פארגלייך מיטן עפּלע באגעגנט זיך אין די פאלקס-לידער זייער אפט.

ס'איז אבער וויכטיק, אז גראד די דאזיקע סטראפע איז זייער ענלעך צו דער אנשפרעכיקער סטראפע פון וואליכס זאמלונג. הייסט עס, אז ס'איז ניט סתם א פאראלעלע סטראפע אין א דייטשער פאלקס-ליד, נאר א סטראפע, וואס איז אינעם יידישן שמייגער נאך פון וואליכס צייטן ד. ה. פון סוף 16-טן יארה. באקאנט.

אגב, וועלן מיר באמערקן, אז אין דער זעלבער ליד פון ערק-בעהמע זאמלונג נום. 495 האבן מיר אויך א סטראפע, וואס איז נאענט צו דער סטראפע 1 פון דער ליד., וועלכע מיר האבן פריער געבראכט פון וואליכס זאמלונג. (ז. 8):

3. Ach, wenn wilt du wegziehen,
Du mein höchster Trost?
Ach, wenn wilt du wiederkommen
Und daß du mich erlößt? ..

אן איבעריקער ביישפיל, וואס באווייזט די נאענטקייט פון אייניקע סטרא-פעס פון א יידישער ליד מיט א דייטשישער ליד פון 16-טן יארה. און פון א ליד פון וואליכס זאמלונג-דאס באשטעטיקט אפן זיכערסטן אופן, אז: ערשטנס, האט די פאלקלאר-טראדיציע ניט ווייניק איינגעהיט פון די עלטסטע צייטן, און צווייטנס, אז די ליבע-ליד, טאנץ-ליד

אַ. „בוצפֿע-לידער”, ווי קירכהאַן רופֿט זיי אָן. האָבן ניט אויפֿגעהערט
צו לעבן אין דעם יידישן שטייגער אין אַלע יאָרהונדערטער און אַפֿילע אַ
אין די סאַמע פֿאַנאַטיש-פֿינצטערע עפּאָכעס האָט ~~[illegible]~~ דאָס פֿאָלק איינגעהיט
די דאָזיקע פֿאַר אים טייערע ווערק.

מען קאָן זיכער זאָגן, אַז בא אַ מער פֿאַרטיפֿערטן שטודיום פֿון דעם
גענעזיס פֿון די פּאָעטיש-אויסדרוק-מיטלען פֿון דער יידישער פֿאָלקס-ליד
וועלן מיר אימשטאַנד זיין אויסצוגעפֿינען דעם היסטאָרישן וועג ~~פֿון דער~~ זײַן
~~יידישער פֿאָלקסליד~~, זאָל זיין באַטש ווי אין אַ סכעמאַטישער פֿאָרם.

ווען מיר רידן וועגן באַריר-פּונקטן פֿון דער יידישער און דייטשישער
פֿאָלקס-קונסט קאָן דאָס האָבן אַ שייכעס בלויז צו דער ערשטער העלפֿט פֿון
איצטיקן יאָרטויזנט, יעדנפֿאַלס, ניט שפּעטער ווי צום 16-טן יאָרה. צו ד
דער צייט ווען אין דייטשלאַנד זיינען געבליבן געציילטע יידישע קעהילעס.
נאָך דער אויסוואַנדערונג פֿון די יידן פֿון דייטשלאַנד האָט שוין מער ניט
געקאָנט זיין קיין קאָנטאַקט פֿון די יידישע פֿאָלקס-מאַסן מיט דער דייטשער
קולטור. די יידישע ישוווים אין פּוילן, ליטע, ווייסרוסלאַנד אוקראַינע אַ
און אַנדערע לענדער פֿון מיזרעך-אייראָפּע זיינען שוין מיט קיינע פֿע-
דעם מער ניט פֿאַרבונדן געווען מיט דער דײַטשער פֿאָלקס-קולטור. עס אַ
איז קעדיי אָפּצומערקן אַן אינטערעסאַנטן פֿאַל, וואָס לאָזט אַפֿאַר צו
לערנען אין דער הינזיכט. אין 19-טן יאָרה. אין געוויסע יידישע מאַסן
ווידעראַמאָל אויסגעקומען זיך נעענטער צוזאַמענשטויסן מיט דייטשן. אַ
איך האָב דאָ אין זינען די יידישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניעס אין
דאָרעם-רוסלאַנד (די ערשטע קאָלאָניע געגרינדעט אין 1807 יאָר).
אָפּ יעדע צען יידישע ווירטשאַפֿטן איז פֿון אָנהייב אָן אין יעדער קאָלאָ-
ניע געווען באַזעצט לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿון די געהעריקע מלו-
כישע ~~[illegible]~~ אין דייטשע פֿאַמיליע (אַזוי גערופֿענע „מוסטער-
ווירטשאַפֿט”). הייסט עס, אַז אין יעדער קאָלאָניע איז געווען ניט ווי-
ניקער ווי 10 פּראָצענט דייטשן. שפּעטער האָט זיך אין אַלע אַלטע יידי-
שע קאָלאָניעס אויסגעטיילט אַפֿילע אַ באַזונדער דייטשישע גאַס. ס'איז
אָבער מערקווירדיק, אַז אין די קאָלאָניעס זיינען אומעטום די דייטשן

שטאַרק באַווירקט געווען פון דער יידישער קולטור און די יידן האָבן קימאַט גאָרנישט גענומען פון דער דייטשישער פאָלקס-קולטור. אַלע דייטשן אין די יידישע קאָלאָניעס האָבן זייער גוט גערעדט יידיש און אייניקע פלעגן אַפילו זיך גרויסן דערמיט, וואָס זיי באַנוצן אַ סך העברעיִשע ווערטער און אויסדרוקן. יידן האָבן גאָר זעלטן געקאָנט דייטש ריידן. אָנהייבנדיק פון 1936 יאָר איז מיר אויסגעקומען צו מאַכן אַ היפּשע צאָל עקספּעדיציעס אַף צו זאַמלען פאָלקלאָר-מאַטעריאַלן אין די אַלטע יידישע קאָלאָניעס. פון דייטשן, וואָס האָבן געוווינט אין די קאָ-לאָניעס, האָב איך פאַרשריבן יידישע לידער. יידן האָבן בעדערעך קלאַל קיין דייטשישע לידער ניט געקאָנט. איך האָב באַגעגנט בלויז איינ יידן, וואָס האָט 36 פאַר דער רעוואָלוציע געדינט בא דייטשן (גאָר, גאָר אַ זעלטענער פאַל – דינען בא אַ דייטש (הייסט עסן טרייפס!) דער דאָזיקער ייד האָט גערעדט גוט דייטש און געקאָנט אַ סך פאַרשיידענע דייטשישע ליד-ער.

איך מיין, אַז דאָס איז ניט קיין צופאַל. ניט נאָר דערפאַר זאָגן די יידישע קאָלאָניסטן ווייניק איבערגענומען בא די דייטשן, ווייל זיי (די יידן) זיינען אַלץ געווען דאָ די מערהייט און די דייטשן די מינדערהייט. אינעם 19-טן יאָרה. איז די יידישע פאָלקס-קולטור און פאָלקס-קונסט געווען גאַנץ אַן אַנדערע, זי האָט זיך מיט אַ סך שטריכן אָפּגעשיידט פון דער דייטשישער פאָלקס-קולטור. צו יענער צייט זיינען די יידישע פאָלקס-מאַסן געשטאַנען אַ סך נענטער צו דער פאָלקס-קונסט פון די סלאַווישע פעלקער, זי איז זיי געווען אַ סך נענטער אײדער די דייטשישע.

דאָס איז שייך צו די לעצטע יאָרהונדערטער. צו דער צייט, ווען די גרעסטע צאָל יידן האָט געוווינט אין די מיזרעך-סלאַווישע לענדער. ביזן 15-טן, 16-טן יאָרה. איז אָבער די יידישע פאָלקס-קולטור געשטאַנען אין די נאָענטסטע באַציונגען מיט דער דייטשישער. אין די פיקסירטע דייטשישער פאָלקס-לידער פון יענער צייט וועלן מיר געפינען ניט ווייניק עלעמענטן, וואָס זיינען ביז איצט פאַרבליבן אין דער יידישער פאָלקס-ליד.

נאָך איין מיטל פאַרמאָגט דאָס פאַרגלייכן די יידישע פאָלקס-לידער מיט ד דייטשישע, פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער פאָלקס-קונסט. דייטשישע פאָלקס-לידער האָט מען אָנגעהויבן פאַרשרייבן און דרוקן פאַרהעלטנס-מעסיק פרי. אָנהייבנדיק פונעם 16-טן יאָרה. איז צו אונדז דערגאַנגען אַ גאַנצע היפּשע צאָל דרוק-אויסגאַבעס און מאַנוסקריפּטן פון דייטשישע לידער-זאַמלונגען.. דאָס קאָן אונדז געבן די מעגלעכקייט אין אַ געוויסער מאָס צו כראָנאָלאָגיזירן אַ געוויסע צאָל יידישע פאָלקס-לידער צו וועלכע עס וועט זיך איינגעבן אויסצוגעפינען פּאַראַלעלן אין די עלטערע דייטשישע לידער-זאַמלונגען. דערביי וויל איך באַטאָנען, אַז ווען עס גייט די רייד וועגן אויסקלאָרן די קוואַלן פון דער יידישער פאָלקס-ליד, דאַרפן מיר אין זינען האָבן ניט בלויז גאַנצע לידער אָדער באַזונדערע סטראָפעס. מיר דוכט, אַז זייער פרוכטבאַר וואָלט געווען אויסצוגעפינען די וואָרצלען פון באַזונדערע פּאָעטישע אויסדרוק-מיטלען פון דער יידישער פאָלקס-ליד. אַזאַ אַרבעט וואַרט נאָך אַף דעם פאָרשער.

~~אָבער~~ ניט נאָר אין דער דייטשישער פאָלקס-קונסט דאַרפן מיר זוכן ד וואָרצלען פון ~~...~~ דעם יידישן פאָלקלאָר און ~~דערביי~~ פון די פּאָעטישע אויסדרוק-מיטלען פון דעם יידישן פאָלקס-ליד. נעמען מיר, אַ שטייגער אַזאַ סטראָפע פון אַ ליבע-ליד:

ווען מיינע פינגער וועלן ווערן פענעס,
ווען מיין האַרץ וועט זיין אַ פּאַפּיר.
ווען מיינע אויגן וועלן ווערן טינטערס
וועל איך שרייבן בריוו צו דיר.

(בער. II. נומ 8)

אָדער פון אַ וואַריאַנט געבראַכט פון גינזבורג-מאַרעקן:

מיינע פינגער וועלן ווערן פעדער
און מיינע ליפּן איז בלאַס, ווי פּאַפּיר.
פון מיינע אויגן מיט מיינע טרערן
וועל איך שרייבן ליבע-בריוו צו דיר.

(ג.-מ. נומ 210)

די דאָזיקע טראָפּעס רופֿן אַרויס די אַסאָציאַציעס מיט די אַנטשפּרעכיקע בילדער אין אַקדאָמעס. עס איז אָבער גיכער צו דערלאָזן, אַז דער פֿאָלקס-דיכטער האָט זיי פֿאַר דער ליבע-ליד גענומען ניט דירעקט פֿון אַקדאָמעס, נאָר גיכער פֿון אַן עלטערער יידישער ליד. אַשטייגער, אין אַ ליד „דאָס געטליך ליד" וואָס איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן ~~פֿון~~ פֿון מאיר בר' שמואל ווערטהירש (איינער פֿון די לאַמדאָנים אין פּראָג „דער אין דער אַלטשול טוט שעורים זאָגן"), געדרוקט אין פּראָג בערעך ~~אין~~ 1688, האָבן מיר די זעלבע בילדער:

ווען די וואַשר אייטל טינטן וואַרן
די הימל אייטל פּאַפּיר
דיא וועלדר אייטל פֿעדרן
און אַטל שרייבר ווערין מיר,
ווער וואָל גענוג שרייבן דיא גרויסע צייכן גאָט? (1

דאָס זעלבע [illegible] קאָרעספּאָנדירט אויך מיט די דײַטשע פֿאָלקס-ליד:

Meine Thränen sind die Tinte,
Meine Wangen das Papier,
Meine Finger sind die Feder,
Damit schreib ich, Liebster, dir.

(Erk-Böhme II, № 722e)

און אויך אַזאַ וואַריאַנט:

Meine Augen sind die Federn, meine Wangen das Papier,
Meine Thränen sind die Tinte, wenn ich schreiben will zu dir.

(ibid., № 722d)

~~און~~ אין אַן אַנדער ליבע-ליד באַגעגענען מיר אַזאַ בילד:

Meine Thränen sind die Tinte,
Meine Wangen das Papier,
Meine Finger sind die Feder,
Damit schreib ich, Liebster, dir.

(Erk-Böhme II, № 722c)

און אַזוי אויך װאַריאַנט:

Meine Augen sind die Federn, meine Wangen das Papier,
Meine Thränen sind die Tinte, wenn ich schreiben will zu dir.

(ibid., № 722d)

~~אין~~ אין אַן אַנדער ליבע-ליד באַגעגענען מיר אַזאַ בילד:

אױ, שפּאַצירן זײַנען מיר בײדע געגאַנגען,
דער װעג איז געװען פאַר אונדז שמאָל.
און הײַנט, אַז מיר גײען בײדע שפּאַצירן-
דער שלאָס איז געװאָרן פאַר אונדז ברײט.
(בער. 2. נומ׳ 71 און 73)

זײער אַ פאַרביקע אַנאַלאָגיע צו דעם מאָזיקן בילד געפינען מיר אין אַ סטראָפע אין דער לוסטיקער און װיציקער זאַמלונג „צוכט-שפּיגל" אָדער „מראה מוסר" פון זעליקמאַן אולמאַן (פון דער מיש-פּאָכע גלונצבורגער). דער „צוכט-שפּיגל" איז צום ערשטן דערשינען אין האַנו אין 1610 און נאָכדעם 10 מאָל איבערגעדרוקט). דאָרט װערט געגעבן אַן איבערדיכטונג פון װיציקער סענטענץ, װאָס װערט געבראַכט אין תּלמוד (סנהדרין ז.7 שפּ1)

דאָ די ליב װאָר גרױס צװישן מײַן װײַב און מיר
אױף אײן שנײד פון אײן מעסער לאָג איך מיט איר,
איצונדערט, דאָ די ליב איז נימער אַזױ שטרענג
אײן בעט פון זעכציק אײלן איז אונדז צו ענג:

1) לינקעס, VI, ז. 301; די אַלטע ייִדישע ליטעראַטור, ז. 319

מיר האבנ שוינ דערמאנט, אז דער כײלעק פונ דעם יידישנ פאלקלאר און פונ דער ליטעראטור אינ די פארגאנגענע יארהונדערטער געווענ גאר א קלײנער, סמאכל א קוים באמערקבארער. די ליטעראטור האט אנגעווענדעט און אויסגענוצט אסאך עלעמענטנ, וואס זײנענ טיפיש פאר דער מינדלעכער פאלקס-קונסט.

דאס וואס עס האט זיכ ביז איצט אײנגעגעבנ אויסצוקלארנ, איז שײכ בלויז צו א געוויסנ עטאפ פונ אנהײב-פעריאד פונ דער געשיכטע פונ דער יידישער טאנאלער פאלקס-קונסט אונ צו דעם איצטיקנ צושטאנד אירנ. מיר קאנענ מיט דער גאנצער זיכערקײט זאגנ, אז די פאלקס-לידער פונ וועלטלעכנ אינהאלט האבנ געקלונגענ אינ דער יידישער סביווע אויכ אינעם 17-טנ אונ אינעם 18-טנ יארה. מיר ווײסנ אבער לעסאטע ניט ווי אזוי האט דעמלט אויסגעזעענ די ליד, ווענ אונ ווו איז פארגעקומענ דער איבערגאנג צו איר איצטיקער פארם. דאס איז אבער שײכ ניט בלויז צום פאלקלאר, נאר אויכ צו דער ליטעראַרישער פאעזיע, וואס איז גראד זײער קנאפ פארגעשטעלט אינ די אנגערופענע יארהונדערטער.

3.

8. די מעלאדיקע פונ די עלטערע יידישע פאלקס-לידער.

צי איז צו אונדז עפעס דערגאנגענ פונ די מעלאדיעס, אפ וועלכע מע האט געזונגענ יידישע פאלקס-לידער אינ די פריערדיקע יארהונ-דערטער? – אזוי גוט, ווי גארניט. אינ דער צײט, ווענ די ווארט-טעקסטנ פונ די לידער זײנענ פארט אמאל פארצײכנט געווארנ אונ א טײל דערפונ איז צו אונדז דערגאנגענ, זײנענ די מעלאדיעס, ווײזט אויס, מיט קײנ נאטנ-צײכנס קײנמאל ניט פארשריבנ געווארנ. וועגנ דער אײנ-אײנציקער זאמלונג פונ יידישע לידער מיט נאטנ, וואס איז געדרוקט אינ פיורדא אינעם יאר 1727 וועלנ מיר רעדנ שפעטער.

מיר ווײסנ אבער, א בא א געוויסער צאל עלטערע יידישע לידער איז פאראנ די צושריפט „בניגונ...", ד.ה. עס ווערט אנגעוויזנ א פאפולערע ליד, וואס אפ איר מעלאדיע דארפ געזונגענ ווערנ אויכ די געגעבענע יידישע ליד.

ווענ מיר נעמענ צונויפ די אלע אויפשריפטנ „בניגונ", וואס מיר דערזעענ בא די עלטערע לידער, באקומט זיכ דעמלט אזא בילד:

ווײַזן אָבער לעצאַטע ניט ווי אַזוי האָט דעמלט אויסגעזען די ליד, ווען און ווו איז פאַרגעקומען דער איבערגאַנג צו איר איצטיקער פאָרם. דאָס איז אָבער שווער ניט בלויז צום פאָלקלאָר, נאָר אויך צ דער ליטעראַרישער פּאָעזיע, וואָס איז גראָד זייער קנאַפּ פאַרגעשטעלט אין די אָנגערופענע יאָרהונדערטער.

.3

8. די מעלאָדיק פון די עלטערע יידישע פאָלקס-לידער.

צי איז צו אונדז עפּעס דערגאַנגען פון די מעלאָדיעס, אַז וועלכע מע האָט געזונגען יידישע פאָלקס-לידער אין די פריערדיקע יאָרהונ-דערטער? — אַזוי גוט, ווי גאָרניט. אין דער צייט, ווען די וואָרט-טעקסטן פון די לידער זיינען פאָרט אַמאָל פאַרצייכנט געוואָרן און אַ טייל דערפון איז צו אונדז דערגאַנגען, זיינען די מעלאָדיעס, ווייזט אויס, מיט קיין נאָטן-צייכנס קיינמאָל ניט פאַרשריבן געוואָרן. וועגן דער איינ-איינציקער זאַמלונג פון יידישע לידער מיט נאָטן, וואָס איז געדרוקט אין פיורדאַ אינעם יאָר 1727 וועלן מיר רעדן שפּעטער.

מיר ווייסן אָבער, אַ באַ אַ גאַנצער צאָל עלטערע יידישע לידער איז פאַראַן די צושריפט „בניגון...", ד.ה. עס ווערט אָנגעוויזן אַ פּאָפּולערע ליד, וואָס אַף איר מעלאָדיע דאַרף געזונגען ווערן אויך די געגעבענע יידישע ליד.

ווען מיר נעמען צונויף די אַלע אויפשריפטן „בניגון", וואָס מיר באַגעגענען באַ די עלטערע לידער, באַקומט זיך דעמלט אַזאַ בילד: אין די עלטסטע יאָרהונדערטער, פון וועלכע מיר פאַרמאָגן געוויסע ידי-עות (14-16 יארה) זיינען אָנגעגעבן כמעט אויסשליסלעך מעלאָדיעס פון דייטשישע פאָלקס-לידער, זעלטענער איטאַליענישע מעלאָדיעס.[1] אָנהייבנדיק פונעם 17-טן יאָרהונדערט טרעפן מיר שוין גאָר זעלטן דייטשישע מעלאָדיעס. אַמייסטן ווערן באַ די לידער, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען פון דעם פּעריאָד, אָנגעגעבן די מעלאָדיעס פון

---

1) עליאהו בחור שרייבט אין זיין „באָווע-בוך" (1507): „איך זינג עס מיט איינעם וועלשן ניגון".

-פאָפּולערע יידישע אָדער העברעיִשע לידער.

אזוי ביזן 17-טן יאָרה. האָבן מיר: „בניגון הערצאָג ערנסט" (זייער אָפט באַגעגנט זיך) „שלאַכט אום פּאַוויאָ", „עס וואַר איין שלאָס אין עסטרייך". אאַו, אאַו.. פונעם 17-טן יאָהונדערט און שפּעטער: „בעניגון אך יידא" („א שיין ליד פון ווין") אַפ דעם ווינער גירוש פון 1670 יאָר. (אַרום פּראָג 1670 יאָר. אַפ דעם זעלבן ניגון איז אַן „עשרת-הדברות-ליד", פּראָג 1665; „בניגון אדיר איום ונורא"- קינעס אַפ כמעלניצקיס גזירעס (גזירעס ת"ח); „מזמור שיר ליום השבת" פאַרפאַסט אין אַראַמיש פון מאיר משברשין, אַפ יידיש איבערגעאַרבעט (1654 יאָר) איינער גימפּל סגל פון ווין. „און דרויף גייט דער ניגון פ פון אקדמות"; „בניגון אני הגבר" (דאָס נייע קלאָג-ליד (1708 יאָר); „בניגון (בחי הומר" -(א נייע קלאָג-ליד פון 1719 יאָר); „בניגון של המן באחשורוש-שפּיל" (איין נייע קלאָג-ליד פון גרושי שרפה בקק פראַנקפורט - 11 יאַנוואַר 1711); „בניגון של הרב רבי שמעון פּראָג". (איין נייע קלאָג-ליד פון גרוש מנהייזן 1721) אאַו. א.

צי קענען מיר אַפן סמך פון די דאָזיקע ידיעות קומען צום אויספיר, אַז ביזן 17-טן יאָרהונדערט האָבן יידן געזונגען זייערע לידער דעריקער מיט דייטשישע מעלאָדיעס און ערשט פונעם 17-טן יאָרהונדערט האָבן זיי אָנגעהויבן שאַפן און אויסנוצן אויך אייגענע מעלאָדיעס? ניין, אַזאַ אויספיר וואָלט געווען פאַלש. ער וואָלט אָבסאָליוט ניט אַנטשפּרעכט, דעם ווירקלעכן פּראָצעס, וואָס די יידישע פאָלקס-קולטור האָט דורכגעמאַכט.

קיין אַנדערע פאַקטישע ידיעות פאַרמאָגן מיר ניט און קאָנען זיי ניט קעגנשטעלן, קעגן יענע, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען. אויב אָבער מיר וועלן פּרוּוון מיטער זיך איינטראַכטן אין דער דאָזיקער פראַגע וועט פאַר אונדז קלאָר ווערן, אַז אַזוינס האָט ניט געקאָנט פּאַסירן. אַפן גרונט פון די דייטשישע דיאַלעקטן, וואָס די יידן האָבן אין דייטשלאַנד איבערגענומען, האָט זיך געקאָנט אויסבילדן די שפּראַך יידיש, נאָר דעמאָלט, ווען עס איז פאָרגעקומען דאָס צוזאַמענשמעלצן פון דייטש מיט עלעמענטן פון העברעיִש און פון די סלאַווישע שפּראַכן. עפּעס ענלעכס האָט געמוזט פאָרקומען אויך אין דער מוזיק. אויב די דייטשי-

שע מוזיק האָט דאָ געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין די ערשטע יאָרהונדער-טער, אין דעם קאָן מען ניט צווייפלען, איז אָבער קלאָר אַז בוץ דײַטשישע מעלאָדיעס האָבן דאָ געשפּילט זיין נאָך אַנדערע קאָמפּאָנע-נענטן.

די מעלאָדיעס פון די יידישע פאָלקס-לידער, וואָס זיינען פאַרשריבן פ-פון סאָף 19-טן יאָרה., זיינען וויי ניט ענלעך אַף דײַטשישע פאָלקס-מע-לאָדיעס, זיי פאַרמאָגן אַן אייגנאַרטיקן סטיל און כאַראַקטער – און דאָס באַשטעטיקט אונדזער האַנאָכע, אַז דאָ האָבן אומבאַדינגט געמוזט זיין אויך אַנדערע קאָמפּאָנענטן, בוץ דײַטשישע פאָלקס-מעלאָדיעס.

דאָס איבערנעמען די דײַטשישע שפּראַך האָט געקאָנט פאָרקומען ניט אַ-יין אויגנבליק. דאָס איז זיכער געווען אַ דויערנדיקער פּראָצעס, וואָס האָט פאַרכאַפּט ניט איין דור און איז געגאַנגען מיסטאָמע ניט אָן קאַמף און קאָנפליקטן.. צוערשט האָבן זיך אויסגעלערנט רײדן דײַטש בלויז י-יונגע, וואָס האָבן געמוזט קומען אין באַריר צוליב געשעפט-אינייאַנים מיט דײַטשן. אין שטוב מיט דער פרוי און קינדער, מיט אַלטע טאַטע-מאַמע, וואָס זיינען מיטגעפאָרן (פרייוויליק אָדער גיכער געצוווּנגען צול-ליב רעדיפעס און גזירעס) האָט מען זיכער גערעדט אַף דער שפּראַך, מיט וועלכער מע איז געקומען קיין דײַטשלאַנד. נאָך דויערנדיקערע איז אָנגעקומען די אײַנזאַמלונג (נייע שפּיגערישע קונסט-ווערק. צי האָבן די יידישע מוטערס, וואָס זיינען געקומען קיין דײַטשלאַנד, געקאָנט וואַרטן ביז זיי וועלן זיך אויסלערנען דײַטשישע וויג-לידער אַף צו פאַרע-וויגן זייערע קינדער? ניין, זיי האָבן געזונגען יענע לידער, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט, די דאָזיקע לידער זיינען געווען אייגנקריי-ריצט אין זיכּאָרן און זיי זיינען באַליבט געווען – דאָס האָט מען איבער-גענומען פון דער איינער מאַמען, (באַבען און אַנדערע עלטערע פרויען. אויך אַף סימכעס, געזעלשאַפטלעכע און פאַמיליען-פייערונגען האָט מען מיסטאָמע אַ לאַנגע צייט געזונגען, דאָס, וואָס איז געווען פון לאַנג אָן אָנגענומען. [illegible] עלעמענטן, עמעס, פאַר אונדז [illegible] אַן אומבאַוווּסטער, אַן [illegible], [illegible] מוז אָבער דיסקוטירט ווערן. ער האָט אַ לאַנגע צייט געווירקט און איז לאַכאַטילע געווען אַזאַ שטאַרק ער פון דעם ניעם פון דײַטש, איז נאָך לעבעדיק געווען אַ געשעפט-שפּראַך

און ווייניק פארבונדן מיט אינטימע איבערלעבונגען..

נאר איין קאמפאנענט מוז דיסקוטירט ווערן אין דעם פראצעס. דאס
האב איך אין זינען די געזאנגען, וואס זיינען געווען
פארבונדן מיט די טפילעס אף העברייש. זיי האבן פארנומען אן ארט
ניט נאר בעת דער גאט-דינסט, נאר אויך אף א ברייטן ראסענע אדגל.
ווען דער כאזן-פראפעסיאנאל, דער מיטגליד פון דער קעהילע
וואס האט געקאנט די נוסכאות פון טפילע, האט געזונגען פאר דעם
אוילעם. די דאזיקע געזאנגען איז ניט נייטיק און ניט
געווען איבער 13 נומען בא די דייטשן.
זיי האט מען געזונגען פון גאר אלטע צייטן. זיי
זיינען געווען הייליק און טראדיציאנעל.

שפעטער, ווען די יידן ווערן מאסנווייז אויסוואנדערן פון דייטשלאנד
און זיך באזעצן אין די מיזרעך-סלאווישע לענדער, ווערט צוקומען א נ
נייער עלעמענט: די פאלקס-קונסט פון די סלאווישע פעלקער, וואס האט
אין א גרויסער מאס באווירקט די יידישע פאלקס-קונסט. אבער שוין א
אפילע ביזן דעם 16-טן יאר. מוזן גענומען ווערן אין באטראכט
אזעלכע דריי קאמפאנענטן: די פאלקס-קונסט, וואס די יידן האבן געבר
אכט מיט זיך קיין דייטשלאנד די סינאגאגאלע געזאנגען און צולעצט
די דייטשישע פאלקס-קונסט. ווו עס קומט פאר א נאציאנאלע אופלע-
בונג אבער אויך א געווייסער אסימילאציע-פראצעס פון קלענערע
אנדערנאציאנאלע גרופעס אין די באדינגונגען פון די גרויסע
שטעט.

די נאציאנאלע פרייהייט פון אלע פעלקער פון נעם ראטנפארבאנד האט
ניט איר גלייכן אין דער געשיכטע. באזונדער יעדער פאלק, אבער
אפילע באזונדערע גרופעס האבן דאס רעכט און אלע מעגלעכ
קייטן איינהיטן זיינע נאציאנאלע טראדיציעס.

עס איז אבער וויכטיק אין א שטייגער, דאס, וואס די
ברידערונג פון פעלקער, האט ניט קיינע צוימען און שראנקען. אפ
ילע די אמאליקע טראדיציעס פון געטישטע כאמענעס זיינען אזוי ווי
פארשוואונדן געווארן, און אין שטייגער האבן מיר ניט וויניק פאלן,
ווען עס גייען זיך צונויף אין איין פאמיליע קינדער פון פארשיידענע

פעלקער. עס איז אויך וויכטיק אונטערצושטרייכן, אז קיינע באגרע-
נעצונגען אפ צו באטיילן זיך אין עם ווירטשאפטלעכן און קולטורעלן
לעבן פון אונדזער לאנד איז פאר קיין איין פאלק ניט פאראן.. עס
איז אבער גאנץ נאטירלעך, אז קלענערע נאציאנאלע גרופעס מוזן
זיך אסימילירן אין דער אומגעבונג פון דער נאציאנאלער מערהייט.

דאך קומט דער אסימילירפראצעס פאר אסאך דויערנדיקער, ווי עס
עס האט זיך געקאנט דאכטן. איך האב געהאט די מעגלעכקייט נאכצוקן
דעם שטייגער פון א קליינער נאציאנאלער גרופע, וואס האט זיך אין
די ערשטע יארן פון דער אקטיאבער-רעוואלוציע, באזעצט אין קיעוו
(איימארן). די דאזיקע גרופע איז באשטאנען פון א פאר הונדערט פּ
פאמיליעס, וואס האבן כמעט מאנאפאליזירט אין קיעוו דעם פאך פון
שטיוול פוצן. פאר זייערע קינדער האט א צייט עקזיסטירט אפילע א
ספעציעלע שול, וו זיי האבן באקומען בילדונג א פ זייער מוטער-
שפראך. די שול איז שפעטער פארמאכט געווארן – צו קליין איז געווען
די צאל קינדער-איימארן אז עס זאל מעגלעך זיין די עקזיסטענץ פון
א באזונדערער שול און די קינדער זיינען אוועק אין דער אוקראיניש-
שער אדער רוסישער שול.. צי האבן זיך די איימארן איצט כולקום
אסימילירט? זיי האבן זייער שפראך ניט פארגעסן (צווישן זיך רייען ז
זיי אויך איצטער אויף אסוריש). און בא אלע צוזאמענקומען זינגען
זינגען זיי די לידער, וואס זיי האבן געבראכט. רוסישע און אוקראיני-
שע לידער דרינגען אריין אין זייער שטייגער. אין זייער אינטערפרעטא
ציע פון די דאזיקע לידער, איז אבער פאראן עפעס אזוינס, וואס
גיט גלייך ארויס זייער אנדערנאציאנאלע אפשטאמונג. אויב די איימארן
וועלן זיך פולקום אסימילירן אין דעם אוקראינישן שטאטישן שטיי-
גער, וועט אין א פאר דורעס ארום מיטאמאל אינגאנצן פארשווונדן ווע
ווערן די דיפערענץ צווישן זיי און אנדערע אוקראינישע שטאטישע בירגע-
ער. אויב אבער מיר וועלן פרוון זיך פארשטעלן, אז געוויסע אומשטענ
דן זאלן פירן דערצו, אז די איימארן זאלן זיך ניט קאנען פולקום
אסימילירן און בא זיי זאל זיך מיט דער צייט אויסבילדן עפעס א מ
מין נייע איימאריש-רוסיש-אוקראינישע שפראך אין די באדינגונגען
פון א ספעציפישן לעבנס-שטייגער. דעמלט וואלטן מיר די ספעציפישע

שטריכן, אַמאָל קוים באַמערקבאַרע איצט אין אָנהייב פֿונעם פּראָצעס,
ניט נאָר ניט פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, נאָר פֿאַרקערט, אַלץ מער און מער
זיך אַנטוויקלט. די דײַטשישע קונסט-ווערק, וואָס ייִדן האָבן דעמלט
איבערגענומען האָבן ניט געקאָנט בלײַבן בלויז אַלס דײַטשישע. ייִדן
האָבן איבערגענומען די דײַטשישע שפּראַך אויך ניט ווײַניק מינהגים
די ייִדן זײַנען אָבער ניט געוואָרן קיין דײַטשן ניט
האָבן זיי איבערגענומען באַ די דײַטשן. דאָס איבערגענומענע איז
ניט געבליבן ווי ווילד-פֿלייש, עס איז שפּעטער איבערגעאַרבעט און
איבערגעדיכטעט געוואָרן.

מיר ווייסן, עמעס, פֿון פֿאַלן, ווען באַזונדערע ייִדישע קינסטלער
האָבן זיך געקאָנט אַזוי-פֿיל אַסימילירן, אַז זייער שאַפֿונג האָט
פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער עכטער דײַטשישער קולטור און
קונסט. ס'איז גענוג צו דערמאָנען דעם ייִדישן שפּילמאַן זיסקינד
פֿון טרימבערג (סאָף 12-טן, אָנהייב 13-טן יאָרהונדערטס), וואָס האָט
געהאַט אַ גרויסן שם אַלס דײַטשישער שפּילמאַן, אויך דעם דײַטשישן ייִד
שימשון פֿון פֿינע, וואָס האָט איבערגעזעצט פֿאַר די שפּילמענער קלויז
ווײַזע און ריליף קאָלין אַ פּראָוואַנצישן פֿאַרמיוואַל-ראָמאַן אַף דײַטש.
די דאָזיקע שפּילמענער דענקען אים צו אין אַ קאַמאָוויאַ פֿון 14-טן י-
אָרה. דאָס זײַנען אָבער געווען אײַנצלנע פֿאַלן. אין דער מאַסע האָבן
די ייִדישע קינסטלער, שרײַבער און פּאָעטן זיך ניט געקאָנט אַסימי-
לירן, פֿאַרקערט, זיי האָבן געשטרעבט אַ דער זיי זײַנען געווען געצוווּנ-
גען צו שאַפֿן ייִדישע און ניט קיין דײַטשישע קונסטווערק. דער שמועל-
בוך און די אַנדערע גרויסע עפּישע ווערק פֿון די ייִדישע שפּילמענער
קאָנען דינען אַלס דער בעסטער באַווײַז אין דער הינזיכט.

באַ אַזעלכע אומשטענדן, מײַן איך, אַז די באַצייכענונג „בעניגן
הערצאָג-ערנסט" „שלאַכט אַם פֿאַוויאַ" און דאַרף מען פֿאַרשטיין אַזוי: אַ
אַף דעם ניגון פֿון הערצאָג ערנסט און, ווי עס האָבן זיי געזונגען
די ייִדן. און דאָס איז צו פֿאַרלאָזן, אַז שוין אַפֿילע אין דער ערשטער
רעדאַקציע האָבן זיך די דײַטשישע מעלאָדיעס, ווען ייִדן האָבן זיי געזו
נגען, מיט געוויסע שטריכן, אונטערשיידט פֿון יענע, וואָס די דײַטשן
האָבן געזונגען. עס קאָן אַפֿילע זײַן, אַז די מעלאָדיעס זײַנען אַסאַך

פריער „פאַריידישט" געוואָרן איידער הער טעקסט-וואָרט פון די לידער.
שוין אָפּגערעדט פון די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער, ווען די יידישע
מאַסן האָבן אויסגעוואַנדערט פון דייטשלאַנד און מיט דער דייטשישער
פאָלקס-קונסט זיינען זיי מער אין קיין ענגער באַרירונג ניט געקו-
מען. באַזונדערע דייטשישע לידער.-(פאָלקס-לידער און אויך ליטע-
ראַרישע) האָבן געקאָנט אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער
דורך פאַרשיידענע וועגן אַריינדרינגען אין דעם יידישן שטייגער, אָבער
דאָס געהער שוין צו אַן אַנדער פּראָצעס, און איז אַרויסגערופן פון
אַנדערע סיבות.

ווירקונגען פון אוקראַיִנישן מוזיק-פאָלקלאָר זיינען פאַרגעקומען
אין אַמאָל א שפּעטערדיקער עפּאָכע, ווי פון דער דייטשישער פאָלקס-
קונסט, דער דאָזיקער פּראָצעס קומט אויך איצט פאָר און דאָ קאָנען
מיר מאַקע עפּעס אָפּלערנען אויך פאַר דער פאַריאַנגענהייט.

אַלפרעד לאַנדוי האָט געוואָלט אַרויסגעזאָגט א האַשאָרע, אַז ~~די יידי-~~
~~שע פאָלקס-קונסט~~ האָט געקאָנט איבערנעמען בלויז פון דער דייטשישער
פאָלקס-קונסט. פון די סלאַווישע פעלקער האָבן די יידן - לויט לאַנדוי-
ניט געקאָנט איבערנעמען קיין פאָלקס-לידער אין דער צייט, ווען
א פאָלקס-מייס איז גענוג איבערנעמען דעם סיוזשעט, באַזונ-
דער מאָטיוון און דער פאָלקס-דערציילער גיט זיי זייער גרינג
איבער אַף זיין שפּראַך. אין דער פאָלקס-ליד שפּילט די פאָרם אַמאָל א
גרעסערע ראָל, ווי אין דער מייסע. איז נאָענט יידיש צו דייטש און
דעריבער האָט דער יידישער פאָלקס-קינסטלער זייער גרינג געקאָנט
צופּאַסן די דייטשישע ליד אין יידיש. מיט לידער אַף די סלאַווישע שפּר
אַכן קאָן מען זיך שוין אַזוי גרינג ניט ספּראַווען. עס האָט
זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע האַנאָכע איז ניט קיין ריכטי-
קע. דער פאָלקס-קינסטלער איז גאָרניט אַזוי אומבאַהאָלפן און שעפער-
יש אימפּאָטענט, אַז ער זאָל זיך קאָנען ספּראַווען בלויז מיט די פאַר-
העלטנסמעסיק גרינגע אויפגאַבעס, אין דעם פאַל בלויז דורך „יידישן"
דעם דייטשישן טעקסט. מיר ווייסן איצט פון אַריבער דרייסיק יידישע

פֿאָלקס-לידער, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר איבערזעצונגען אָדער איבערדיכטונגען – (און ניט זעלטן מײַסטעריש, גלענצנדיק געמאַכטע) פֿון אוקראַיִנישע פּוילישע, א.א. פֿאָלקס-לידער.

מיר ווייסן אויך פֿון א היפּשער צאָל מעלאָדיעס, וואָס זײַנען געמיינזאַם פֿאַרן יידישן און אוקראַיִנישן מוזיק-פֿאָלקלאָר. דערבײַ איז קעדײַ צו באַמערקן אַז די דאָזיקע געמיינזאַמע אין יידישן און אוקראַיִנישן פֿאָלקלאָר מעלאָדיעס קלינגען אין יידיש, ווי עכט-יידישע און אין אוקראַיִניש ווי עכט-אוקראַיִנישע. בלויז באַזונדערע דעטאַלן און דעריקער די גאַנג-מאַניר שאַפֿט דאָ דעם ספּעציפֿישן נאַציאָנאַלן קאָלאָריט.

(וויכטיקער) וויכטיק איז דאָ אָבער אונטערצושטרײַכן דאָס פֿאָלגנדיקע: לידער, וואָס צו זייער וואָרט-טעקסט האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצוגעפֿינען פּאַראַלעלן אין אוקראַיִניש, ווערן געזונגען אויף אַנדערע מעלאָדיעס ווי די אַנטשפּרעכיקע אוקראַיִנישע טעקסטן. גאָר-גאָר זעלטן פֿאַרמאָגן די מעלאָדיעס פֿון אַזעלכע לידער ~~עלעמענטן~~ עלעמענטן פֿון אוקראַיִנישן מוזיקאַלן פֿאָלקלאָר. פֿון דער אַנדערער זײַט האָט דער וואָרט-טעקסט פֿון די לידער, וואָס צו זייערע מעלאָדיעס האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצוגעפֿינען נאָענטע פּאַראַלעלן צווישן די אוקראַיִנישע מעלאָדיעס, קיינע געמיינזאַמע שטריכן ניט מיט דעם טעקסט פֿון דער אוקראַיִנישער ליד.

ניט דאָ איז דאָס אָרט צו פֿאַרנעמען זיך דעטאַל מיט דער דאָזיקער ביז גאָר אינטערעסאַנטער דערשײַנונג.. מיר דאַרפֿן געדענקען, אַז ווען אַן אוקראַיִנישע פֿאָלקס-ליד ~~האָט~~ א יידישער פֿאָלקס-קינסטלער (ברויט) גענומען איבערזעצן אָדער איבערדיכטן דאַרף דאָס הייסן, אַז די דאָזיקע ליד האָט ער ניט אויסגעלייענט פֿון א בוך, ווו ער האָט געהאַט פֿאַר זיך בלויז דעם טעקסט. אַזא ליד האָט ער איבערגענומען פֿונעם זינגער, ווו מע האָט זי געזונגען און ניט דעקלאַמירט. איז פֿאַרוואָס-זשע זײַנען די מעלאָדיעס פֿאַרשיידן? איך מיין, אַז לכתּחילע האָט דער פֿאָלקס-קינסטלער טאַקע איבערגענומען די ליד אַלס

גאַנצעס, ד.ה. אי דעם טעקסט, (~~...~~) אי די מעלאָדיע. דער נײַער טעקסט און אַמאָל די נײַע שטײַגער-דעטאַלן, וואָס זײַנען אַרײַנגעטראָגן געוואָרן פֿון דעם איבערזעצער, אין אַט דער ליד, האָבן אין אַ געוויסער מאָס געענדערט איר כאַראַקטער און דאָס האָט מיטגעווירקט דערצו, אַז מיט דער צײַט זאָל די מעלאָדיע ניט מער אײַנהאַלטן די ספּעציפֿישע אוקראַיִנישע מוזיקאַלישע אויסדרוק-מיטלען אירע. יעצט טרעפֿן מיר דאָס די ליד אין אַ ייִדישן שטײַגער ניט אין אַנהייב פֿון פּראָצעס, ווען זי ווערט פֿאַרייִדישט, נאָר אין אַ סך אַ שפּעטערן עטאַפּ, ווען זי איז שוין אָרגאַניש-ייִדיש און ביז דער פֿאָרשער האָט געקאָנט פֿעסטשטעלן, אַז זי איז אַמאָל איבערגענומען געוואָרן פֿון אוקראַיִניש.

דער פֿאָלקס-זינגער און פֿאָלקס-קינסטלער ווייסט ~~זייער גוט~~ די ספּעציפֿישע נאַציאָנאַלע שטריכן פֿון דעם מוזיק-פֿאָלקלאָר פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער. דאָרט וווּ ער וויל און דאַרף זיי אַרויסווײַזן, געפֿינט ער די געהעריקע מיטלען דאָס צו דערגרייכן.(1) דאָרט אָבער, וווּ די אַנדערע נאַציאָנאַלע ספּעציפֿיק שפּילט ניט קיין באַזונדערע ראָל, ווערן ~~באַזונדערע~~ אויסדרוק-מיטלען זייער גיך אָפּגעווישט און זיי ווערן פֿאַרבײַט מיט די מוזיקאַלישע אויסדרוק-מיטלען פֿון דעם פֿאָלקס-קינסטלערס מוזיקאַלישער „מוטער-שפּראַך“.

עפּעס ענלעכס ... קומען מיט די ... מעלאָדיעס, וואָס זײַנען אין די פֿריערדיקע יאָרהונדערטער אײַנגענומען געוואָרן אין ייִדישן מוזיק-פֿאָלקלאָר. זיי זײַנען אײַנגענומען געוואָרן ניט ווי ספּעציפֿיש-דײַטשישע, נאָר ווי מעלאָדיעס, וואָס זײַנען באַקאַנט און וואָס אַלע זינגען זיי און צו זיי איז גרינג צוצופּאַסן דעם טעקסט פֿון דער נײַער ליד. אײַנהייטן גראַד זייערע ספּעציפֿיש דײַטשישע ~~אידיש~~

---

1) ס'איז גענוג צו דערמאָנען „אַשטײַנער“, די פּאָפּולערע ייִדישע פֿאָלק-ליד „ווער ווי אַזוי זינגט“ (ווי עס זינגט דער כאַזן, דער ציגײַנער, דאָס דײַטשל, דער רוס), אַז מיר זאָלן זיך איבערצײַגן אַז דער פֿאָלקס-קינסטלער פֿילט זייער גוט די אײַנצלהייטן פֿון דעם נאַציאָנאַלן מוזיקאַלישן סטיל.

~~אינהאלטלעך [illegible]~~ איז פאַר קײנעם ניט געווען וויכטיק. מע האָט זײ געזונגען אַלײב זיך, צוליב אײגענעם גענוס און ניט צוליב דעם, מע זאָל אויס[illegible] ווי עכטע דײַטשן. האָבן זײ טאַקע גאָר גיך פאַרלאָרן זײער דײַטשישן כאַראַקטער און זײַנען פאַרײדישט געוואָרן. דאָס זעלבע איז שײַך אויך צו יענע דײַטשישע פאָלקס-לידער, וואָס ייִדן האָבן איבערגענומען גאַנצערהײט ד.ה. אי דעם טעקסט אי די מעלאָדיע. צו דעם וואָרט-טעקסט אָדער צו באַזונדערע סטראָפעס קאָנען מיר נאָך אַמאָל געפינען פּאַראַלעלן אין עלטערן דײַטשישן פאָלקס-ליד. צו די מעלאָדיעס האָבן מיר לעסאַטע קײן, אײן פּאַראַלעל ניט געפונען.

דאָס געמײנזאַמע, וואָס איז יאָ פאַראַן אין די אײנציקע מעלאָדיעס פון ייִדישע פאָלקס-לידער מיט די מעלאָדיעס פון עלטערע דײַטשישע פאָלקס-לידער געהער אָבער ניט צו דער ספּעציפיק ניט פון דער ייִדישער און ניט פון דער דײַטשישער פאָלקס-מוזיק. די דאָזיקע עלעמענטן געהערן צו יעדער מעלאָדיע פון וואס פאַרא סאָרטע און פאָלק עס זאָלן ניט שטאַמען. די מוזיקאַלישע שפּראַך פון אַלע פעלקער פאַרמאָגט אַסאַך מער געמײנזאַמע שטריכן אײדער די וואָרט-שפּראַך.

33 _______ 33

פונ[illegible]אַר 1727 איז צו אונדז דערגאַנגען די אײנציקע לידער-זאַמלונג מיט נאָטן. דאָס איז די אויבנדערמאָנטע זאַמלונג „שמחת הנפש" 2-טער טײל פון עלכאַנען קירכהאַן. קײן דירעקטע שײַכעס צום ייִדישן מוזיק-פאָלקלאָר קאָן די דאָזיקע זאַמלונג ניט האָבן. ניט דערפאַר, וואָס מיר האָבן דאָ פאַר זיך לידער, //אָס זײַנען פאַרפאַסט פון א באַשטימטער פערזאָן. ערשטנס, איז אַפּילו נאָך אין דער ערשטער העלפט פונעם 18-טן יאָרה. די דיפערענצ צווישן ייִדישע ליטעראַרישע און פאָלקס-לידער געווען גאָר א קלײנער,, ווײַטער ווײסן מיר,, אז אין דעם פאָלקלאָר-רעפערטואַר טרעפן מיר גאָר ניט ווײניק לידער פון די ייִדישע פּאָעטן אַפּילע פונעם 19-טן און 20-טן יאָרה. (מיכל גאָרדאָן, ש.בערנשטײן, א.צונזער, א.גאָלדפאַדן, וועלוול זבאַרזשער, בערל בראָדער, אאוו, אאוו

יונג און אַלט האָבן איבעראַל געזונגען װאַרשאַװסקיס לידער. אַקאַ-דעמישע פּאָזיציעס אַף צו באַשטימען צי זײַנען װאַרשאַװסקיס לידער פֿאָלקס-לידער, אָדער ניט, װאָלטן געשטעלט דעם פֿאָרשער אין דער לאַגע פֿון אַ סכאָלאַסט.

די שײַכעס פֿון קירכהאַנס זאַמלונג צו פֿאָלקלאָר שטעלן מיר אונטער אַ פֿראַגע-צײכן בלויז דערפֿאַר, װײַל מיר האָבן קײן מינדסטע ידיעה ניט, אַז די דאָזיקע לידער זײַנען װירקלעך אין פֿאָלק געזונגען געװאָרן.

מיר װײסן, אַז די ערשטע טײל פֿון קירכהאַנס „שמחת הנפש", אַ מוסער-בוך, װאָס אַנטהאַלט מײסעס, מעשאָלים, גלײַכװערטלעך א.א. איז געװען אומגעהײער פּאָפּולער. אָנהײבנדיק פֿונעם יאָר 1707 ביז 1901, דאָס הײסט, אין משך פֿון קימאַט צװײהונדערט יאָר, איז דער בוך אַכט מאָל איבערגעדרוקט געװאָרן.(1) די מײסעס, װאָס װערן געבראַכט אין דעם בוך זײַנען געװאָרן אַ שטיק פֿאָלקלאָר, די מעשאָלים – אַ טאָג-טעגלעכע פֿילאָזאָפֿיע. מיט קירכהאַנס מאַטעריאַלן האָבן זיך באַנוצט מאַגידים, ראַבאָנים, האָבן געלויבט דעם דאָזיקן בוך און בײַ יעדער געלעגנהײט אים רעקאָמענדירט.(2)

די צװײטע טײל איז בלויז אײן אײנציק מאָל געדרוקט געװאָרן. (1727). אין די פֿאָלקלאָר-מאַטעריאַלן, װאָס זײַנען ביז איצט אױפֿגעזאַמלט געװאָרן איז ניט פֿאַראַן קײן אײן ליד, אָדער אַפֿילו קײן באַזונדערע סטראָפֿע פֿון קירכהאַנס זאַמלונג. אין קײנע מעמוארן אָבער אַנדערע ליטעראַרישע װערק װערט די דאָזיקע זאַמלונג (אָדער באַזונדערע לידער און פֿראַגמענטן) קײנמאָל ניט דערמאָנט.(3)

דאָך אַף װיפֿל דאָס איז די אײנציקע זאַמלונג מיט נאָטן װעלן מיר גאָר קורץ זיך אַף דעם אָפּשטעלן. די ליטעראַרישע און קולטור-היסטאָרישע װערט פֿון דער זאַמלונג װעלן מיר דאָ ניט אַנאַליזירן. ~~דאָס װערט~~

---

1) י. שאַצקי. פֿאַרצײכנט 18 אױסגאַבעס פֿון דער ערשטער טײל. זע דעם אַרײַנפֿיר צו דער פֿריער דערמאָנטער אױסגאַבע פֿון 2-טער טײל זז. 27-28
2) דאָרטן, ז. 11.

3) װערן דאָ [illegible] הײַנט געדרוקט צו מיטן טײל „משמחת הנפש" װערט זײַן דאָס [illegible]. זע דאָרטן, ז. 11.

דאָס ווערט באַהאַנדלט אינעם אַרײַנפֿיר, וואָס י. שאַצקי האָט געגעבן צו דער נײַער אויסגאַבע פֿון דעם ווערק. זי ווערט אויך באַהאַנדלט אין אַלע וויכטיקע אַרבעטן אַף ליטעראַטור-געשיכטע (אין די לעצטע בײַ עריקן און י. צינבערגן). די זאַמלונג באַשטייט פֿון 15 לידער. כוץ די לידער, וואָס באַזינגען די יאָמטויווים (שאַבועס, ראָשעשאָנע, יאָמקיפּער, סוקעס און סימכאַסטוירע, כאַנעקע, פּורים אאַ) האָבן מיר דאָ אַ ליד „צו חתונה און בריח מילה" אַ קאַלע-ליד און אַ ליד אונטערן נאָמען „אַלי טאָג פֿון דער וואָך זינגען, דען גאָט דינשט ניט פֿר אַלי זינגען".

די קינסטלערישע ווערט פֿון די לידער איז זייער אַ קליינע. זיי זײַנען אַלע געבויט לויט איין פּלאַן. אין די יאָמטעוו-לידער ווערט צוערשט געגעבן די געשיכטע פֿון דעם יאָמטעוו, דערנאָך ווערן באַשריבן מיט אַסאַך אײַנצלהייטן די מינהאָגים און געברויכן. דער אַמאָר מוסערט דעם אוילעם בײַ יעדער געלעגנהייט. ווי מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט איינער פֿון קירכהאַנס צילן איז געווען אַרויסשטויסן די כומע-לידער.

אין אונטערשיד צו די פֿריערדיקע פֿאַרפֿאַסער האָט זיך קירכהאַן ניט באַנוגנט מיט דער אָנווײַזונג „בעניגן." [צו 13 לידער] האָט ער געגעבן די נאָטן פֿון די מעלאָדיעס. דאָס הייסט ניט, אַז דעמאָלט - אָנהייב 18-טער יאָרהונדערט - איז די נאָטנשריפֿט בײַ ייִדן אָדער אַפֿילע בײַ געוויסע שיכטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג געווען פֿאַרשפּרייט און עס איז געווען נייטיק צו געבן די נאָטן, אַז די לייענער זאָלן קענען אויסלערנען די מעלאָדיע. קירכהאַן גופֿא האָט קיין נאָטן ניט געקענט. ער דערציילט אונדז אין דער האַקדאָמע.

~~איך געשטעלט די מוזיק, צו מאַכן בקאַנד~~
~~דורך אַרפֿאָרונג בײַא אײַנים מוזיקאַנד~~
~~דעם רעכטן ניגון."~~

אויך די לייענער רעקאָמענדירט ער:

איך האָבט איר דיא מוזיקא בײַא האַנד
דען ווי דאָ איז גאַנצן זונדר כּלי-זמרים אַזוי איז אַך אײַן

~~אַז דער ניגון איז ניט בקאַנט~~

ווען מען שון דיא מוזיקא ניט טואט פר שטין
זייט איבראל מוזיקאנדין דש מען קיין צו גין
אונ' פון אים דעם ניגון הערן.
ווען דען עטליכי קענין דען איינר פון אנדרן טואט לערין
אזו דיא ניגונים מיט דר צייט בהלד איבראל בקאנד ווערין.

(פון דעם נאָכוואָרט)

פון דעם געבראַכטן פראַגמענט איז קלאָר, אַז די קאָנקרעטע מעלאָדיעס, וואָס קירכהאָן גיט אָן, זיינען אין דער יידישער סביבה דעמלט נאָך ניט געווען באַקאַנט. אויב ניט וואָלט ער דערמאַנט די לידער, וואָס ווערן שוין געזונגען אויף די מעלאָדיעס. ווענדן זיך צו אַ קלעזמער, כדי פון אים אויסצולערנען די מעלאָדיע, איז גאָר ניט אַזוי גרינג געווען פאַר דעם דורכשניטלעכן לייענער. פאַרוואָס האָט קירכהאָן ניט אויסגענוצט קיין פּאָפּולערע, אַלעמען באַקענטע מעלאָדיעס און איז אָנגעקומען צו אַזאַ שווערן מיטל ווי געבן די נאָטן און וואַרטן ביז מע וועט זיי אויסלערנען פון אַ קלעזמער? ער אַליין דערקלערט דאָס אינגאַנצן ניט. דאָס קאָן אָבער באַ אונדז אַרויסרופן די השערה, אַז קירכהאָן גופא איז מיסטאָמע קיינמאָל עפנטלעך ניט אַרויסגעטראָטן אַלס זינגער פון זיינע לידער. (און אויך פון אַנדערע). און דעריבער טאַקע האָט ער ניט געהאַט קיין פאַרטיקע מעלאָדיעס, וואָס זיינען שוין געווען באַקאַנט און אָנגענומען באַ זיינע צוהערער. כדי ער זאָל דאָס אויסנוצן, ווי אַלע האָבן דאָס דעמלט און אויך אַסאַך שפּעטער געטאָן, — ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די מעלאָדיעס וועלן אַסאַך מיטהעלפן אים, אַז די לידער זאָלן פאַרשפּרייט ווערן. אָבער פּראַקטיש האָט ער אַליין ניט געקאָנט מיטווירקן, אַז די לידער זאָלן טאַקע פאַרשפּרייט ווערן. האָט ער זיך געמוזט ווענדן צו אַ מוזיקער, אַז יענער זאָל באַזאָרגן זיין בוך מיט מעלאָדיעס. דאָס וואָס דער בוך איז מער קיינמאָל ניט איבערגעדרוקט געוואָרן ווייזט, אַז די לידער זיינען טאַקע גאָר ווייניק פּאָפּולער געווען. עס איז ביז איצט ניט אויסגעקלאָרט אויך די פראַגע צי האָט קירכהאָן געשריבן די טעקסטן צו די מעלאָדיעס, אָדער

פארקערט, ווען די טעקסטן זיינען געווען אנגעשריבן האט א מוזיקער צו זיי צוגעפאסט מעלאדיעס. איידער מיר וועלן פרוון ארויסקריגן אן ענטפער אפ דער דאזיקער פראגע וועלן מיר איינקורצן באטראכטן די מעלאדיעס גופא.

צוערשט מוזן מיר אפמערקן, אז ביז איצט זיינען די מעלאדיעס פון „שמחת הנפש" געבליבן ניט אויסגעפארשט.[1] ניט דא איז דא-דאס ארט זיך פארנעמען מיט א דעטאלן אנאליז זייערן. מיר וועלן זיך דערלויבן צו געבן אן אלגעמיינע כאראקטעריסטיק פון די מעלאדיעס און מאכן בלויז איינציקע באמערקונגען צו דער פראגע.

אין דער זאמלונג זיינען אנגעגעבן די נאטן צו 13 לידער. ~~אנגעגעבן אין די טעקסטן צו 15 לידער~~. די מעלאדיעס זיינען פון פארשיידענעם כאראקטער (אין דער גרעסטער טייל זיינען דאס לירישע און טאנצ-מעלאדיעס, די לעצטע זיינען ווייט אויס, באוועגלעכע און שפילעוודיקע).[2] פון די 13 מעלאדיעס זיינען פיר אין דרייטייליקע מאס די איבעריקע אין גראדע מאסן. (C און ¢). דער אמביטוס (קלאנגענפארנעם) איז א גאנץ גרויסער:

סעפטימע	אקטאווע	נאנע	דעצימע	דואדעצימע	טערצדעצימע	סאכאקל
2	4	2	2	2	1	13

דאס פירט אונדז ארויף אפ דעם געדאנק אז די מערהייט מעלאדיעס זיינען ענטנומען פון אינסטרומענטאלע ווערק. די מעלאדיק גופא איז אויך מער טיפיש פאר אינסטרומענטאלער מוזיק איידער פאר ווקאלער. אט

---

1) שאצקי דערמאנט, אז דאקטער אקערמאן האט געארבעט איבער דעם אנאליז צו „שמחת הנפש". די ארבעט איז אבער ביז איצט ניט פארעפנטלעכט געווארן.

2) דער טעמפ איז בא די נאטן ניט אנגעגעבן. דעם כאראקטער פון די מעלאדיעס באשטימען מיר דעריבער ארויסגייענדיק פון דעם מעלאדישן געמעל, פון דער מעלאדישער ליניע.

האבן מיר א פאר בײשפילן:



די דידאקטישע און מוסער-לידער קירכהאנס האבן פון די סינא-
גאגלע אינטאנאציעס גארניט גענומען. די מעלאדיעס זײנען גענומען
אן ישליסלעך פון װעלטלעכער מוזיק. צי פארמאגן זײ געמײנזאמע
שטריכן מיט דער מעלאדיק פון די יידישע פאלקס-לידער, װאס זײנען
צו אונדז דערגאנגען אין דער מינדלעכער טראדיציע? זײער װײניק.
די ספעציפיק פונעם יידישן מוזיק-פאלקלאר איז דא זײער װײניק
אפגעשפיגלט. אזוי, אשטײגער, װען מיר בטראכטן די גזמטן, פאר-
העלטענישן פון די דאזיקע מעלאדיעס באקומען מיר גאר אן אנדערפפפ
בילד װי פון דעם יידישן מוזיק-פאלקלאר. העכער א העלפט פון די
מעלאדיעס אין קירכהאנס זאמלונג זײנען אין מאזשאר, אמאל מיט
אפװײכונגען, די קלענערע טײל אין מינאר. אין דעם יידישן מוזיק-
פאלקלאר פארנעמט דער מאזשארער גוסט גאר א קלײן ארט, װײניקער פ
פון א צען פראצענט פון דער אלגעמײנער צאל מעלאדיעס. קײן עקס-
פרעסיװע גוסטן -(מיט א פארגרעסערטער סעקונדע צװישן 2-3 אדער
3-4 שטופעס) באגעגענען מיר דא לאכלוטן ניט. אין דער מעלאדיק

פון די ייִדישע פֿאָלקס-לידער פֿאַרנעמען די לעצטע עפּעס מער פֿון א 30% 293 (1

איצט וועלן מיר זיך אומקערן צו דער פֿריער געשטעלטער פֿראַגע צי זיינען די טעקסטן געשריבן צו פֿאַרטיקע מעלאָדיעס, אָדער פֿאַרקע קערט?

י. שאַצקין שרייבט:

„מיין איינדרוק איז, אַז די מעטריק איז ביי אים / ביי קירכהאַנען - מ.ב./ צוגעפּאַסט צום ניגון. ער האָט גענומען פֿאַרטיקע ניגונים און האָט געבויט זיינע מיזמורים אין איינקלאַנג מיט דעם ריטם אין בוי פֿון דער מעלאָדיע". (אריינפֿיר ז. 37)

דאָס איז ניט אַזוי גרינג צו באַשליסן. ביי איניקע לידער פּאַסט זיך דער וואָרט-טעקסט מער-ווייניקער גרינג צו צו די נאָטן. אָט נעמען מיר, אַשטייגער, (נום 1. די ערשטע סטראָפֿע איז אַזאַ:

דער הייליגער שבת וועללין מיר /9/

אנטפאַנגין מיט פֿריידין /6/

אים אָן טאָן זיין גביר /6/

וועלין מיר ניט פֿר מיידין /7/

גוט עשין גוט טרינקין וואָש גאָט טוט בשערין /12/

קיין צער, קיין רוגז צו ווייזין און לוזין הערין /14/

און תורה לערנין דען ליבן גאָט צו עהרין /12/

די סטראָפֿע איז דאָ א זייענשורדיקע מיטן גראַם-שלימל אבאבגגג. דערביי זיינען די ערשטע פֿיר שורעס קורצע און די לעצטע דריי - לאַנגע. די צאָל טראַפֿן איז אין די פֿערזן ניט אויסגעהאַלטן, אָבער דאָ שפּילט עס א קלענערע ראָל.

---

1) א.ד. אידלזאָן איז מעשער אַז דער גוזמט „אַהאַ-ראַבאַ" (אָדער פֿריגיש) וואָס האָט א פֿאַרגרעסערטער סעקונדע צווישן 2 און 3 שטופֿע, האָט געקענט אריינדרינגען אין דעם ייִדישן שטייגער שוין פֿון דעם 9-טן, 10 יאָרהונדערט. אָנ. זע א.צ. אידלזאָן - תולדות הנגינה, מהותה יסודותיה והתפתחותה. כרך ראשון. ברלין, תרפ"ד (1924) ז. 285.

די מעלאָדיע באַשטייט פֿון צוויי טיילן. די ערשטע טייל — פֿון 4 קורצע פֿראַזעס (צו 2 טאַקטן אין 3/4 מאָס), די צווייטע — פֿון 3 פֿראַזן (צו 4 טאַקטן, די זעלבע מאָס). מיר וועלן פּרובירן אונטערשטעלן דעם טעקסט אונטער די נאָטן (בא קירכהאַן זיינען אַלע מעלאָדיעס געגעבן אָן דעם געהעריקן טעקסט):



ווי מיר זעען פּאַסט זיך דער וואָרט-טעקסט גאַנץ גרינג צו דער מעלאָדיע. די קליינע ריטמישע ענדערונגען, וואָס (איז מיר) דאָ אויסגעקומען צו מאַכן (באַצייכנט מיט קלענערע נאָטן, מיט די דויער-שטריכן געשטעלט אַנטקעגן די גרונט-נאָטן פֿון דער מעלאָדיע. אויך איינציקע נאָטן האָב איך פֿאַרייניקט אַף איין וואָרט אָדער טראַף) שפּילן דאָ קיין ראָל ניט. אויך לויטן כאַראַקטער (איך באַטאָן עס, ווי אַ מעסיק-באַוועגלעכע שפּילעוודיקע מעלאָדיע) פּאַסט די מעלאָדיע צום טעקסט. מער ווייניקער אַזוי שטימט דער טעקסט צו דער מעלאָדיע אין נום. 3. בא די איבעריקע מעלאָדיעס לאָזן זיך (זייער שווער צופּאַסן. דער טעקסט). אַמאָל קומט אויס אַף אַ זילבל דריבלען דעם דויער פֿון די נאָטן, אַז די מעלאָדיע באַקומט גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. פֿון אַ זינגעוודיקער לירישער מעלאָדיע, וואָס באַקומט זיך לויט די ~~[illegible]~~ [illegible], וואָלט געוואָרן אַ מין זאָגעכץ, אַ רעטשיטאַטיוו,

אין וועלכן מע דערקענט קוים די קאנטורן פון דער אייגנטלעכער מעלאדיע. לויטן כאראקטער אויך ניט אלע מאל פאסט די מעלאדיע צום טעקסט, וואס איז אין אלגעמיין זייער פון א נידעריקער פאעטישער מאדרייגע. די ליד נומ. 9 „אין פסח זינג דאס גזאנג צו דער קעניין גאטס וואונדער צו ישראל פון אנפאנג" מאכט גאר א קאמישן איינדרוק. קירכהאן האט גענומען אן אויסגעצייכנטע לירישע מעלאדיע און האט צו איר געגעבן א וויצלעדיקן טעקסט, ווי ער לערנט דעם אוילעם ווי אזוי צוצוגרייטן דעם פיסעכ. אט איז א פאר שורעס פון דער ערשטער סטראפע:

מן מוז על כל פנים פר פסח מאלין עטליכי טאגין
און' די מיל מאך ריין און' וואול בשלאגין.
און' טוא דש מעל אין איין נייאין שק
און' בלוז אויף קיינר קמח מאק
איז אך גוט ווען מן דש מעל זיפט אויז
און באווארט דש ניט דער צו קומט איין מויז אויז.

נעם זינג אזא ווישטן טעקסט אף א לירישער מעלאדיע.

אויב דערלאזן, אז קירכהאן האט געשריבן די טעקסטן צו פארטיקע מעלאדיעס, מוז מען עפשער אננעמען די השערה, אז ער איז ביכלאל געווען ווייניק מוזיקאליש. בלויז איניקע מעלאדיעס האט ער געקאנט אליין אויסזינגען און האט דעריבער געקאנט מער ווייניקער פינקטלעך צופאסן צו זיי דעם טעקסט. וועגן די איבעריקע האט ער געהאט בלויז א פארשטעלונג און אליין זיי ניט געקאנט אויסזינגען. לאזט זיך מאכן זייער שווער דער טעקסט צופאסן צו די [illegible] אנטשפרעכיקע נאטן. ביכלאל איז שווער צו דערלאזן, אז געזאנג זאל געווען זיין איינע פון זיינע פראפעסיעס.

קירכהאן האט געהאט פרומע קאוונעס: מיט דידאקטישע און מוסער-לידער האט ער געוואלט באקעמפן די כוצפע-לידער, דעם פאלקלארישן לידער-רעפערטואר. זיין ציל האט ער ניט דערגרייכט. די „כוצפע-לידער" זיינען פארבליבן אין דעם פאלקלאר-רעפערטואר און פון זיינע לידער זיינען צו אונדז קיין איינע ניט דערגאנגען. זיי ווערן אויך קיין איין מאל ניט דערמאנט אינעם 19-טן יארהונדערט.

קירכהאנס זאמלונג קאן אונדז דינען אלס א גלענצנדיקע אילוס-
טראציע בלויז צו דעם, ווי אזוי די וועלטלעכע מעלאדיע איז אריינגעד
דרונגען אין דעם יידישן שטייגער. פאר זיינע פרומע לידער האט ער אונדז
געוויזט ניט קיין סינאגאגאלע מעלאדיעס און אפילו אינטאנאציעס, נאר
וועלטלעכע טאנץ-מעלאדיעס און לירישע מעלאדיעס.

צו וואס איז [illegible]? [illegible]
[illegible].

קיעוו, 1946

קירכהאָנס זאמלונג קאָן אונדז דינען אלס א גלענצנדיקע אילוס-
טראציע בלויז צו דעם, ווי אזוי די וועלטלעכע מעלאָדיע איז אריינגע-
דרונגען אינעם יידישן שטייגער. פאר זיינע פרומע לידער האָט ער אויס-
גענוצט ניט קיין סינאגאָגאלע מעלאָדיעס און אפילו [illegible] אינטאָנאציעס, נאָר
וועלטלעכע טאַנץ-מעלאָדיעס און לירישע מעלאָדיעס.

[illegible]

קיעוו, 1946